ROSKIES /

Katzenelson's ten-month stay in Vittel, the German concentration camp for foreigners in France where his epic poem was written, ended in March 1944 when all Polish Jews interned in the camp were transferred to Drancy and from there were sent back to Poland. Their transport arrived in Auschwitz on April 30, 1944. Katzenelson and his son Zvi were gassed the same day. Among the Jews on "special duty," whose task it was to extract gold teeth from the mouths of the dead, to cremate the bodies, to heat the giant furnaces and to clean the crematoria was Zalmen Gradowski, a former yeshiva student, merchant and aspiring writer from Suwalki.

In the ash pits of the crematoria where he worked, Gradowski buried his own writings on life in the *Sonderkommando*, and because he had even less reason than Katzenelson to believe that any Jews would survive on European soil, he, Gradowski, headed each manuscript with a declaration in four languages (Polish, Russian, French and German): "Take heed of this document, for it contains valuable material for the historian." Like Katzenelson, Gradowski borrowed from earlier literary traditions to tell his tale more effectively, but whereas Bialik's wrath could still inform Katzenelson's internal debate, Gradowski could find nothing in Jewish tradition, either ancient or modern, that would help him assimilate an entire factory of death. True, in canto 9, even Katzenelson had to fall back on the image of a mass crucifixion to convey the universal scope of this tragedy; for Gradowski, however, the only possible analogy for Auschwitz was Dante's *Inferno*. (One entire chronicle, now translated in Ber Mark's *The Scrolls of Auschwitz* [Tel Aviv: Am Oved, 1985], is a Dantesque journey through hell.) In "The Czech Transport: A Chronicle of the Auschwitz *Sonderkommando*," one of the four chronicles unearthed after the war, the one internal Jewish reference is to Purim, because it happened that the transport was to be gassed on that holiday.

At the same time that Gradowski cultivated what he believed to be a western literary style in telling his horrible story to the world at large, he behaved in his "private life" as an observant Jew. According to the testimony of a fellow inmate (as quoted by Mark, p. 157), Gradowski would return to the block after the cremation of each transport, wrap himself in a prayer shawl, put on his tefillin and recite *kaddish* for the souls of the victims. He would weep for the holy books and sacred objects that had been burned; occasionally he would cry that he was defiled by sin because of his deeds and the deeds of his fellow *Sonderkommandos* and that only by his death would he expiate that sin.

Of Gradowski's four surviving chronicles, two tell his own story—the fate of the transport from Luna that arrived in Auschwitz in December 1942 and the fate of the *Sonderkommando*, a third of whose members were selected for gassing in February or March 1944. One chronicle is a midnight reverie about the indifference of nature, and the fourth, translated here, is on the Czech transport. Why should he have chosen to write about this transport when each day brought new ones from all over Europe? The Czech transport was different for three reasons: (1) because this so-called Family Transport had already spent seven months in the twin camp of Birkenau and knew exactly what to expect if transferred to Auschwitz; (2) because the Germans had to adopt extraordinary measures to dupe this group into the gas chambers; and (3) because once the elaborate hoax succeeded, the victims still showed signs of passive resistance. In "The Death March," the central chapter of the chronicle, Gradowski quotes (or paraphrases) the defiant speeches of the Czech women, already undressed and on their way to the gas. For the reader of this anthology (and perhaps for Gradowski as well), their speeches echo that of the nameless mother in the Second Book of Maccabees. Earlier in the same chapter, Gradowski presents the cowardice and utter self-delusion of the Germans through an internal collective monologue. Here, in contrast, are the Czech women, voicing their heroism and self-awareness.

Gradowski's focus on the resistance and passivity of the victims was no mere academic exercise. From the first, he was actively involved in planning what was supposed to have been a campwide uprising. Instead, the *Sonderkommando* ended up fighting alone. Gradowski died leading this daylong revolt on October 7, 1944.

# 93 The Czech Transport: A Chronicle of the Auschwitz *Sonderkommando*

ZALMEN GRADOWSKI

### הקדמה

ליבער לעזער, איך שרייב די ווערטער אין מאמענטן פון מיין גרעסטער פארצווייפלונג, איך ווייס ניט און גלייב ניט, אז די דא פארשריבענע שורות זאל איך נאך אליין אמאל, נאכן "שטורם" קענען לעזן. ווער ווייס, צו וועל איך האבן דאס גליק דעם טיפן סוד, וועלכן כ'טראג אין הארצן, פאר דער וועלט, אמאל ענטפלעקן צו קענען? ווער ווייס צו וועל איך נאך אמאל א "פרייען" מענשן זען און מיט אים קענען ריידן? ס'קען זיין, אז אט דאס, אט די שורות, וועלכע איך שרייב וועלן זיין דער איינציגער עדות פון מיין לעבן פון אמאל. נאר גליקליך וועל איך זיין, ווען מיינע שריפטן וועלן דערגיין צו דיר, דו פרייער בירגער פון דער וועלט. אפשר וועט א פונק פון מיין אינערליך פייער זיך אנכאפען אין דיר, און דו וועסט חאטש א טייל פון אונזער ווילן אין לעבן ערפילן, דו וועסט נעמען נקמה, נקמה פון די מערדער!

ליבער געפינער פון די שריפטן!

איך האב צו דיר א ביטע, דאס איז אייגענטליך דער וועזענטליכער ציל פון מיין שרייבן, זאל חאטש מיין צום טויט פארמשפט'ר לעבן א אינהאלט קריגן. זאלן מיינע גהינום'דיגע טעג, זאל מיין אויסזיכטלאזער מארגן אין דער צוקונפט א ציל באקומען.

איך גיב דיר איבער בלויז א טייל, א מינימום פון דעם וואס עס האט זיך אפגעשפילט אין דעם גהינום בירקענוי־אושוויץ. דו וועסט זיך פארשטעלן ווי זי, די ווירקליכקייט האט אויסגעזען. איך האב נאך פיל חוץ דעם געשריבן. איך גלייב, אז איר וועט אויף די שפארן געוויס דערגיין, און פון דעם אלעם זיך א בילד שאפן, ווי אזוי ס'זענן אומגעקומען די קינדער פון אונזער פאלק.

### Introduction

Dear reader, I write these words in the moments of my greatest despair. I do not know, I do not believe, that I myself will live to read these lines "after the storm." Who knows if I will have the good fortune to unfold the secret I carry deep in my heart to the world? Who knows if I will ever again behold a "free" man and be able to speak with him? It may be that these, the lines that I am now writing, will be the sole witnesses to what was my life. But I shall be happy if only my writings should reach you, citizen of the free world. Perhaps a spark of my inner fire will ignite in you, and even should you sense only part of what we lived for, you will be compelled to avenge us—avenge our deaths!

Dear discoverer of these writings!

I have a request of you: this is the real reason why I write, that my doomed life may attain some meaning, that my hellish days and hopeless tomorrows may find a purpose in the future.

I pass on to you only a small part of what took place in the hell of Birkenau-Auschwitz. It is for you to comprehend the reality. I have written a great deal besides this. I am certain that you will come upon these remnants, and from them you will be able to construct a picture of how our people were killed.

יעצט האב איך צו דיר, דו ליבער געפינער און דרוקער פון די שריפטן א אינדיווידועלע ביטע: דו זאלסט לויטן אנגעגעבענעם אדרעס דערגיין ווער איך בין! און דאן זאלסטו ביי מיינע קרובים ארויספאדערן דאס בילד פון

מיין משפחה און דאס בילד פון מיר מיט מיין פרוי. און דו זאלסט אונזערע בילדער אין דעם בוך, לויט דיין איינזען געבן. איך וויל דערמיט פאראייביגן זייער ליבן און טייערן נאמען, פאר וועלכע איך קען יעצט אפילו א טרער ניט שענקן! ווייל איך לעב אין גהינום פון טויט, און קען אפילו ווי געהעריג ניט אבשאצן מיין גרויסע אבידה. און אויך איך אליין בין דאך א צום טויט פארמשפט'ר. קען א טויטער נאך א טויטן וויינען?! נאר דו "פרייער" פרעמדער בירגער פון דער וועלט, דיך בעט איך, אז דו א טרער זאלסטו נאך זיי געבן, ווען דו וועסט זייערע בילדער פאר דיינע אויגן זען. איך ווידמע זיי אלע מיינע שריפטן — דאס איז מיין טרער, מיין קרעכץ נאך מיין משפחה און נאך מיין פאלק.

איך וויל דיר דא אויסרעכנען די נעמען פון מיין פראבענטער משפחה:

מיין מוטער — שרה
מיין שוועסטער — ליבע
מיין שוועסטער — אסתר רחל
מיין פרוי — סוניה (שרה)
מיין שווער — רפאל
מיין שוואגער — וואלף

זיי זיינען אומגעקומען דעם 8.12.1942, פארגאזט און פארברענט געווארן.

איך האב אויך געהאט א גרוס פון מיין פאטער שמואל, וועלכער איז אין יום־כיפור 1942 — פון "זיי" פארכאפט געווארן — און וואס ווייטער ווייס איך ניט. צוויי ברודער עבער און מושל זענען אין ליטע פארכאפט געווארן. מיין שוועסטער פייגעלע אין אטוואצק פארכאפט געווארן. דאס איז דער סך־הכל פון מיין משפחה. —

איך גלייב ניט, אז ווער פון זיי לעבט נאך יעצט. איך בעט דיך, דאס איז מיין לעצטער וואונש, אז אונטער אונזער לעבענס־פאטאגראפיע, דעם טאג פון אומקום אנגעבן זאלסטו דארט.

וואס מיט מיר וועט זיין און פאסירן, דאס שטעלט מיר שוין די ווירקליכקייט פאר. איך ווייס, אז עס דערנענטערט זיך דער טאג, דער טאג פאר וועלכן עס ציטערט אויף מיין הארץ און נשמה. ניט אזוי צוליבן לעבן

— חאטש ס'ווילט זיך לעבן, ווייל דאס לעבן רייצט, נאר איין מאמענט אין לעבן איז נאך פארבליבן, וועלכער לאזט מיך ניט רוהען: לעבן, לעבן צוליב נקמה! און פאראייביגן דעם נאמען פון מיינע ליבסטע. איך האב פריינד אין אמעריקא און אין ארץ־ישראל. פון די אדרעסן געדענק איך איינעם וועלכן איך גיב דיר אן — און פון אים וועסטו זיך דערוויסן ווער איך בין און ווער מיין משפחה איז. פון מיינע פינף אנקעלס אין אמעריקא א אדרעס פון איינעם:

J. Joffe
27. East Broadway, N. Y.
America

דאס אלץ וואס דא איז פארשריבן האב איך אליין, אליין איבערלעבט אין מיין 16 מאנאטיגע "זאנדער־ארבייט" און מיין אנגעקליבענעם צער, מיין אנגעזאפטען ווייטאג, מיינע שוידערליכע ליידן ניט געקענט "אנדערשט" צוליב די "באדינגונגען" לאזן קומען צום אויסדרוק, נאר ליידער בלויז דורך שרייבן.

ז. ג.

I also ask a personal favor, dear finder and publisher of these writings. Using the address I give here, find out who I am. Then ask my relatives for the portrait of my family, as well as that of my wife and me and, using your discretion, print them in this book. In this way I hope to immortalize the dear, beloved names of those for whom, at this moment, I cannot even expend a tear! For I live in an inferno of death, where it is impossible to measure my great losses. And, of course, I too am condemned to die. Can the dead mourn the dead? But you, unknown "free" citizen of the world, I beg you to shed a tear for them when you have their pictures before your eyes. I dedicate all my writings to them—this is my tear, my lament for my family and people.

Here I wish to list the names of my martyred family:

My mother—Sarah
My sister—Libe
My sister—Esther Rokhl
My wife—Sonia (Sarah)
My father-in-law—Raphael
My brother-in-law—Wolf

They were killed on December 8, 1942—gassed and incinerated.

I also make mention of my father, Shmuel, who was seized on Yom Kippur 1942, and about whom I have heard nothing since. Two brothers, Eber and Moyshl, were captured in Lithuania, my sister Feygeleh in Otwock. This is my entire family.

I doubt that any of them are still alive. I ask you—this is my last request—to print under our photographs the dates on which we were killed.

My own fate is evident from the present situation. I know the day approaches—the day before which my heart and soul tremble, though not from love of life, for this life is a torment. Yet, in the moment left me I cannot rest: Live, live for revenge! And immortalize the names of my loved ones. I have friends in America and in the Land of Israel. I give the address of one below, and from him you can find out about me and my family.

J. Joffe
27 East Broadway, N.Y.
America

Everything described here I experienced myself during my sixteen months of *Sonderarbeit*, and my accumulated grief and pain, my terrible suffering, could have found no other expression under these "conditions" than through this writing.

לאגער, האט מען זיי די נאאיווע קרבנות פארנארט, אין הילצערנע, קאלטע באראקן אריינגעפירט, יעדע גרופע באזונדער געפירט און דאן מיט ברעטער די טירן פארקלאפט. דער ערשטער פראצעס איז געלונגען. מען האט צעחושט, צעטומעלט, זיי האבן לאגיש דענקן מער ניט געקענט, ווייל אפילו דאן ווען זיי האבן זיך שוין אריענטירט, אז מען האט זיי דא צוליבן טויט אזוי געפאנגען, זענען זיי אויך ווערלאז געווען, און ניט געהאט אין זיך דעם כח צו קלערן וועגן קאמף און ווידערשטאנד, ווייל יעדער קאפ, יעדער מח, — דער אפילו פון אפיום, פון דער אילוזיע אויסגעניכטערטער, — האט יעצט געהאט א נייע זארג. עס האט א יונגער, פולבלוטיגער בחור, אדער מיידל, יעצט געקלערט, וועגן טאטע־מאמע זייערע. ווער ווייס, וואס מיט זיי דארט פאסירט. און יונגע מענער, פול מיט מוט און כח פיל, זענען יעצט אויך פארגליווערטע אין טרויער דארט געזעסן און געקלערט וועגן זייערע יונגע פרויען און די קינדער, וועלכע פון זיי אבגעריסן זענען ערשט היינט געווארן. יעדער שטורמישער אופברויז פון קאמף און ווידערשטאנד איז גלייך פארשריגען געווארן פון יעדענס אינדיווידועלן ווייטאג. ער איז געפאנגען געווארן פון זיין פאמיליארן אומגליק, און דאס האט אבגעטעמפט, פאראליזירט דאס דענקן און קלערן, וועגן דער אלגעמיינער סיטואציע אין וועלכער ער אליין געפינט זיך. און זיי די אויף דער פריי יונגע, ענערגישע און קעמפערישע מאסע איז געבליבן זיצן א פארגליווערטע, א רעזיגנירטע, ענטוישטע און צובראכענע.

אויף דעם ערשטן טרעפל פון קבר האבן זיי, די פינף טויזענט קרבנות אן ווידערשטאנד דעם טריט געשטעלט.

דער פון לאנג, אין זייער טייוולאנישער פראקטיק געאיבטער שווינדל, האט דא אויך געהאט ערפאלג.

## דאס ארויספירן צום טויט

מיטוואך פורים ביינאכט דעם 8.3.44 ווען די גליקליכע יידן פון יענע לענדער, אין וועלכע זיי לעבן נאך, זענען געגאנגען אין זייערע שולן און בתי־מדרשים, אדער ערגיץ וואו אין אנדערע פלעצער, און געפייערט דעם גרויסן יום־טוב דעם סימבאליש נאציאנאלן, אייביגן פורים נס, און זיך געוואונשן דארט, אז גאר אין קורצן זאל זיין סוף, דער ניי מאדענער המן קריגן.

אין דער זעלבער צייט האבן אין אושוויץ־בירקענוי ארויסמארשירט 140 יידן פון "זאנדער־קאמאנדא" און זענען אויך ערגיץ־וואו געגאנגען, נאר ניט אין קיין שול, ניט אויף קיין פערוויילונג צו פייערן דעם יום־טוב, צו באערן דעם גרויסן פורים נס.

זיי זענען געגאנגען ווי אבלים מיט טיף אין טרויער געזינקענע קעפ. און ארויסגעווייט האט פון זיי א טיפער צער און אומעט, וועלכער אנגעשטעקט האט אויך די אלע יידן פון לאגער דא. ווייל זייער וועג, וואו זיי מארשירן יעצט, איז דער וועג, צום קרעמאטאריום, צו דעם גהינום פון יידישן פאלק. און זיי וועלן באלד, אנשטאט א פייערונג פון יידישן פאלק, וועלכעס האט דאן פון טויט צום לעבן ערוואכט — זען יעצט די שמחה פון פיראטן־פאלק, וועלכע וועלן פייערן יעצט דעם גרויסן יום־טוב, פון אויספירן היינט דעם אלטן אורטייל, וועלכער איז דורך זייער גאט מיט מער קראפט באנייט געווארן.

באלד וועלן מיר זיין עדות, מיט אונזערע אייגענע יידישע אויגן, וועלן מיר דארפען צוקוקן אונזער אייגענעם חורבן, ווי פינף טויזענט מענשן, פינף טויזענט יידן, פינף טויזענט פולבלוטיגע, צאפעלדיגע, בליהענדע לעבענס, פון פרויען און קינדער מענער אלטע און יונגע, מענשן אן אונטערשיד פון געשלעכט און עלטער, וועלן באלד אינטערן דרוק פון די אויסגעשולטע פערברעכער, מיט דער באטייליגונג פון ביקס, גראנאט און פולעמיאט און מיט מיטהילף פון זייער שטענדיגן שותף, דעם ווילדן פיר־פיסיגן צעיושעטן הינד, יאגן, טרייבן, שלאגן מערדערליך זיי זאלן צעחושט און צעטומעלט ווערן, און לויפן אונבארעכענט אין די ארימס פון טויט.

און מיר זייערע אייגענע ברידער וועלן נאך דארפן צו דעם העלפן, העלפן אראבנעמען פון די אויטאס, פירן אין בונקער, העלפן אויסטון זיי מוטער נאקעט. און דאן זיי, פולשטענדיג צוגעגרייטע, העלפן באגלייטן זיי אין בונקער — אין קבר — פון טויט.

pecting, the victims were tricked into cold, wooden barracks, each group separately, and the doors were nailed up behind them with boards. The first phase had succeeded. People were maddened, perplexed; they could no longer think clearly. When they realized they had been trapped here to die, they lost hope and no longer possessed the strength to think about struggle and resistance, for every mind—even those that had dispelled all illusion—now faced a new anxiety. Strong young boys and girls thought only of their parents. Who knew what was happening to them there? And young men, full of courage and strength, sat there stunned by grief, thinking of the young wives and children from whom they had only just been parted. Every outburst of struggle or resistance was immediately overwhelmed by individual sorrows. Everyone was bound to his particular misfortune, and this paralyzed any thoughts about the general situation in which he found himself. The unshackled, energetic and rebellious crowd sat inert, resigned, shattered.

Unresisting, the five thousand victims took their first step to the grave.

This demonic deception, rehearsed so long in advance, had succeeded at last.

## The Convoy

Wednesday, March 8, 1944, Purim Night, when those Jews lucky enough to be in countries that still allowed them to exist went to their synagogues, study houses and other places to celebrate the glorious festival of the national, eternal miracle of Purim and to pray that our new Haman might soon meet his end . . .

On that same night in Auschwitz-Birkenau 140 Jews of the *Sonderkommando* were also marching to a certain destination, but not to a synagogue, not with the intention of celebrating the festival and commemorating the Purim miracle.

They walked like mourners, with heads sunk deep in sorrow, and the profound sadness that emanated from them spread to all the Jews in the camp. For the road on which they marched was the road to the crematorium, to the hell of the Jewish people. And soon they would see not a celebration of the Jewish people's past delivery from death to life, but festivities of another sort—of a nation of betrayers who on this night were carrying out the ancient Purim decree, which their god had revived with still greater brutality.

Soon we would bear witness. With our own eyes we would have to watch our own destruction, as five thousand Jews, five thousand vibrant, thriving souls, women and children, young and old, would pass under the truncheons of civilized brutes. At the authorities' disposal would be rifles, grenades and automatics, as well as their constant four-footed companions, their vicious dogs; these would chase and savagely attack the Jews, who, distracted and confused, would run blindly into the arms of death.

And we, their own brothers, would have to help with this, help unload them from the trucks and lead them to the bunkers, help strip them mother-naked. And then, when all was ready, accompany them to the bunker—to the grave.

When we came to the site of crematorium 1, the representatives of the regime

ווען מיר זענען דארט אויף דעם פלאץ פון דעם גרויסן גהינום קרעמאטאריום 1 געקומען, זענען זיי, די פארשטעהער פון דער מאכט שוין געווען, און זיך פארברייטעט צו דער שלאכט. עס זענען פיל ״עס־עס״־לייט אנגעקומען, אין קריגס גרייטקייט אלע דארט געווען. א ביקס מיט קוילן פיל באלאדן און גראנאטן אין דער זייט. זיי האבן ארומגעקרייזט, די גוט באלאדענע זאלדאטן, דעם קרעמאטאריום ארום און ארום און אויסגעשטעלט אין אזא פאזיציע, אז ביי יעדן פאל זאלן אלע צום קריג זיין גרייט. אויטאס מיט פראזשעקטארן אין יעדען ווינקעל אויסגעשטעלט איז געווען, צו באלייכטן גוט, דאס גרויסע שלאכט־פעלד. און א ספעציעלער אויטא מיט אמוניציע, אויך געגרייט איז געשטאנען, טאמער פעלט זיי קוילן געגן שונא, דעם גאר שטארקן...

אך! ווען דו בירגער פון דער גרויסער פרייער וועלט, וואלסט געקענט, אט דאס בילד זען, וואלסטו פארוואונדערט געבליבן שטיין, און געקלערט וואלסטו דאן, אז דא אין גרויסן בנין דארטן, מיט די קוימענס די גאר הויכע, זיצן מענשן ווי די ריזען, וועלכע ווי טייוולאנים קענען קעמפן, וויל באלאדן מיט געווער זענען זיי אסאך. און וועלטן גאנצע, ארמייען שטארקע, קענען זיי אומברענגען גיך. דו וואלסט געקלערט, אז דא געוויס גרייטן זיי זיך, די גרויסע העלדן, וועלכע צו דער וועלט־מאכט זיך פארמאסטען האבן, צו א קאמף געגען שונא אט דעם, וועלכער וויל זיין לאנד, זיין פאלק, זיין האב און גוטס פאר זיך בארויבן.

די וואלסט געוויס אנטוישט געווארן, ווען דו ווארטסט צו דא נאך א ווילע, און דו מיט דיינע אויגן וואלסטו דאן געזען אליין, ווער דאס איז דער גרויסער שונא, ווער דאס איז דער גרויסער פיינד, געגען וועמען זייער קראפט, די ברוטאלע אנווענדן וועלן זיי היינט.

ווייסטו געגען וועמן זיי גרייטן זיך יעצט אין קאמף — געגען אונזער פאלק ישראל. עס וועלן באלד קומען יידישע מאמעס מיט קליינע עופה׳לעך צום ברוסט געדרוקט, אדער ערוואקסענע קינדער ביי דער האנד זיי וועלן פירן, און צושראקענע, אונבעהאלפענע אויף די ״קוימענס״ זיי וועלן קוקן. עס וועלן פון די אויטאס יונגע צאפעלדיגע מיידלעך שפרינגען און ווארטן ווער אויף א מאמען, אדער א שוועסטער צו גיין צוזאמען אין בונקער גלייך.

און אויך מענער יונגע, אלטע, טאטעס, זין, וועלן דא אדער דארטן אין דעם צווייטן גהינום קומען און צום טויט געטריבן ווערן.

אט דאס איז דער גרויסער שונא, געגן וועלכען דער פיראט האט היינט אין קאמף זיך געשטעלט. זיי האבן ״מורא״ די באנדיטן, טאמער וועט ווער פון די טויזענטער קרבנות ניט וועלן פאלן ווי א פליג, און וועט האבן אפשר מוט צו טון א טאט פאר דעם טויט. אט פאר דעם, דעם אונבאקאנטן, אונבאוואוסטן העלד האבן זיי זיך יעצט דערשראקן, און גענומען פאר א פאנצער די קולטורעלע ביקס אין האנד. אלץ איז שוין געגרייט. 70 מאן פון אונזער קאמאנדא, ווערן אויך אלס פאסטענס געשטעלט אין דעם שטח פון ארומגעצוימטען קרעמאטאריום. און אונטער אונז — אויסערן צוים — שטייען זיי מיט די לופעס גרייט, צו די קרבנות אויסגעשטעלט.

עס לויפן טאקסיס, מאטאציקלען אהין און אויך צוריק. מען לויפט זיך ״דא״ און ״דארט״ זיך דערוויסן צו אלץ אין ארדנונג קלאפט כסדר. אין לאגער הערשט א טויטע שטילקייט. אלץ וואס לעבט האט געמוזט פארשווינדען, אין די הילצערנע קברים אנטרינען ווערן. אין דער שטילקייט פון דער נאכט, הערט זיך טריט גאר נייע יעצט. עס מארשירן דא זאלדאטן אין די העלמס אנגעטון. און מיט געווער באלאדן פיל, ווי אויף א שלאכט־פעלד געקומען וואלטן זיי, דאס איז דאך היינט דער ערשטער פאל, אז אין לאגער ביינאכט, ווען אלעס שלאפט און ליגט באוואכט אינטער דראטן, אונטער צוימען, זאלן מיליטער לייט קומען גאר. עס איז קריגס־צושטאנד דא אין לאגער יעצט ערקלערט געווארן גאר.

אלץ וואס לעבט מוז יעצט רוהיג און פארגליווערט זיצן דארט ביי זיך אין שטייג, חאטש אלע ווייסן און ניט איינמאל — לעצטענס שטענדיג —

were already there, spread out along the field. Several SS men were among them, ready for battle, with rifles loaded and grenades at their sides. These well-armed soldiers completely surrounded the Crematorium, so that if anything were to go wrong they could respond immediately. Cars with searchlights were set up in every corner to illuminate the battlefield. And there was also a special ammunition truck, in the event that they should run out of bullets to use against the enemy, the mighty one. . . .

If you, citizen of the free world, could have seen this, you would have been struck with wonder. You would have thought that in that enormous building with the towering chimneys were giantlike men who could fight like demons, so well-armed they must have been. They could have wiped out entire worlds, mighty armies, in an instant. You would have thought: these men must certainly be great heroes, preparing to do battle with an enemy that coveted their land, their people, their wealth.

Imagine your shock when, after waiting a while, you actually beheld this terrible enemy, the source of this great hatred, the target of this brutal force.

Against whom were they preparing to do battle? Against our people Israel. Soon Jewish mothers would arrive, pressing their babies to their breasts and leading the older children by the hand, and they would stare, frightened and helpless, at the chimneys. Vibrant young girls would leap from the trucks and wait for a mother or a sister to accompany them to the bunker. And men, too, young and old, fathers and sons, would arrive at this inferno and be driven to their deaths.

So this was the great enemy against whom the villain was prepared to conduct battle that night. They were afraid, these brutes; perhaps not every one of the thousands of victims would drop like flies, perhaps one would have the courage to take a stand before dying. And it was because of that one, the unknown hero, that they were so afraid and hid behind their civilized guns. All was ready. Seventy men from our squad were also assigned to guard the area of the fenced-in crematorium. And behind us, outside the fence, they stood with their rifles aimed at the doomed.

Cars and motorcycles raced back and forth. There was much activity to make sure that things were in order. A deathly silence reigned in the camp. Every living thing must have disappeared, escaped into the wooden graves. The silence was suddenly disturbed by footsteps. Soldiers in helmets, with weapons loaded, marched by as though they were coming onto a battlefield. Never before had military personnel entered the camp at night, when everything was sleeping behind the barbed wires. The camp was prepared for battle.

Now every living thing remained motionless, frozen in the cages, even though everyone knew that many times, and especially in the recent past, victims had

דא קומען — א מאמע זוכט דא אין דער נאכט, דער טראגישער, אפשר וועט דער זון דער יונגער דא אהער, צו איר דא קומען. און א מיידל א פארליבטע זוכט און נישטערט, אפשר דארטן אויף די אויטאס מיט די מענשן, געפינט זיך איר געבליבטער גאר.

זיי קוקן זיך ארום נערוועז, אויף דער וועלט דער שיינער, אויף דעם הימל מיט די שטערנס און לבנה, וועלכע מאיעסטעטיש דארט שפאצירט. זיי קוקן דארט אריין אין קבר, אין דעם פוסטן, אין וועלכען פריהער געזעסן זענען זיי. אך! ווען מען לאזט זיי צוריק דארט גיין! זיי ווייסן, זיי פילן, אז דער אויטא, דאס איז דער וואקעלדיגער באדן, וועלכער לאנג אויף זיך וועט זיי ניט האלטן. זייערע אויגן וואנדערן אריבער דארט, דארט איבער די דראטן צום לאגער, צו יענעם אין וועלכן זיי זענען נאך נעכטן געווען. דארטן שטייען יעצט צושראקענע די טשעכישע פאמיליעס און קוקן דורך די שפארונעס ארויס, צו זייערע שוועסטער און ברידער דא, וועלכע ווערן ערגיץ־וואו פארפירט. אין דעם אבשיין פון דעם ליכט, טרעפן זיך די בליקןביידע. זייערע הערצער קלאפן ריטמיש אין שרעק און מורא. אין דער שטילקייט פון דער נאכט טראגט זיך יעצט א געזעגנונגס־ווארט פון די שוועסטער און ברידער, פריינד און באקאנטע, וועלכע זיצן נאך אין לאגער אוןווארטן אויפ׳ן סוף, צו די שוועסטער און די ברידער, צו די טאטעס און די מאמעס, וועלכע אויף די אויטאס שטייען שוין און פארן באלד צום טויט.

דער פראצעס, אט דער צווייטער, איז שוין געלונגען, אט דעם טייוול, די קרבנות, אויף דעם צווייטן טרעפל פון דעם קבר, אים געלונגען איז צו שטעלן.

## זיי זענען דא

זיי זענען שוין געקומען די אומגליקליכע קרבנות. די אויטאס זענען שטיין געבליבן. די הערצער פארגליווערט זיי זענען געווארן. זיי שטייען די קרבנות ווילד צושראקן, אונבאהאלפענע, רעזיגנירטע און אנטוישטע און קוקן זיך ארום אויף דעם פלאץ, אויף דעם בנין, אין וועלכען זייער וועלט, זייערע יונגע לעבענס, זייערע צאפעלדיגע גופים, וועלן אויף אייביג באלד פארשווינדן.

זיי קענען ניט פארשטיין, וואס ווילן זיי, די צענדלינער אפיצירען, מיט די זילבערנע און גאלדענע עפאלעטן, מיט די גלאנציגע רעוואלווערן און גראנאטן ביי דער זייט.

און פארוואס שטייען זיי דא ווי פאראורטיילטע גנבים, די זאלדאטן אין די העלמס אנגעטון און פון צווישן די בוימער און דראטן אין דעם אבשיין פון דער לבנה, גלאנצן שווארצע, לופעס דארט, געצילט צו זיי. פארוואס? פארווען? פארוואס לייכטן דא אזוי די פיל פראזשעקטארן? צו דען פינסטער איז היינט די נאכט? צו קנאפ איז דען דאס ליכט פון דער לבנה?

זיי שטייען צומישטע, ענטוואפענטע און רעזיגנירטע. זיי האבן שוין דערזען דעם ווירקליכן אמת, פאר זייערע אויגן, דער תהום ער שטייט שוין אפען, און זיי, זיי זינקן שוין אין אים. זיי פילן, זיי שפירן, אז אלץ, די וועלט, דאס לעבן, די פעלדער, די בוימער, אלץ וואס לעבט און עקזיסטירט — פארשווינד און זינקט אין טיפן אבגרונד מיט זיי גלייך אראב. די שטערן לעשן זיך אויס, די הימלן ווערן פינסטער, די לבנה הערט אויף צו שיינען, די וועלט גייט אונטער צוזאמען מיט זיי. און זיי די אומגליקליכע קרבנות, ווילן וואס שנעלער, וואס גיכער אין דעם ים, דעם זינקענדן פארשווינדן ווערן.

זיי ווארפן די געפעק, — אלץ וואס צו דער "רייזע" זיי האבן געפירט, זיי ווילן ניט און דארפן שוין ניט מער קיין זאכן ניט האבן.

זיי לאזן זיך פריי אן ווידערשטאנד פון די אויטאס אראבנעמען — און פאלן ווי אין אנמאכט, ווי אבגעשניטענע זאנגען אין אונזערע ארימס גלייך אריין. נא, נעם מיך, ליבער ברודער מיינער פאר מיין האנד און פיר מיך צו דאס שטיקל וועג, וואס איז פארבליבן פון דעם לעבן ביז׳ן טויט. מיר פירן זיי, די ליבע שוועסטער, די טייערע, די צארטע, אונטער די ארימס מיר האלט׳ן זיי, מיר גייען שטום טריט ביי טריט, די הערצער אונזערע ריטמיש קלאפן. מירליידן און בלוטיגן גלייך מיט זיי, און מיר פילן, אז

her young son would appear. And a girl looked around desperately; perhaps her lover was with the people in the trucks, over there.

They looked nervously at the beautiful world, at the sky with the stars and the moon moving majestically within it. They looked at the barracks, the tomb that they had just left. If only they could go back! They knew, they sensed that the truck—this precarious coach—would not hold them for long. Their eyes wandered over the wires to the camp where they had just been. The frightened Czech families were standing there, looking through the crevices at their brothers and sisters who were about to be taken away. In the glare of the lights their gazes met. Their hearts beat rhythmically, full of fear and foreboding. In the night silence hovered the farewells of the sisters and brothers, the friends and acquaintances who remained in the camp waiting for the end, to the sisters and brothers, the fathers and mothers about to be carried in trucks to their deaths.

And so the second stage had already succeeded; the devil had brought his victims to the second step of the grave.

## They Are Here

They had already arrived, the unfortunate victims. The trucks pulled up. Their hearts froze as they stood stricken with terror, helpless and despondent, and looked toward the building in which their world, their young lives, their vibrant bodies, would soon vanish forever.

They could not understand what they wanted—all of these officers with their silver and gold epaulets, their shining revolvers and grenades hanging at their sides. And why were they, the victims, standing here like condemned thieves, watched by helmeted soldiers, while from between the trees and wire, gleaming in the light of the moon, the black barrels of rifles pointed at them? For what purpose? Why were all the searchlights shining? Was the night too dark? Was the moonlight too faint?

They stood baffled, unarmed and resigned. They had already perceived the truth. The void gaped before their eyes; they were sinking in it already. They felt that everything, earth, life, fields, trees—everything that lives and exists—was vanishing and sinking with them right into the deep abyss. The stars went out, the sky darkened, the moon stopped shining, the world descended with them. And they, the unfortunates, wanted only to sink, to disappear quickly into the abyss.

They threw down their parcels—everything they had brought for the "journey." They no longer wanted or needed anything. Passive, unresisting, they let themselves be removed from the trucks and fell, almost fainting, like cut stalks into our arms. Take me by the hand, brother, and lead me to the stretch of road that is all that remains of my life. We led them, our dear, beloved sisters; we held them under their arms, walking quietly step by step, our hearts beating together rhythmically. We suffered with them, bled with them, and we felt that each step we took

יעדער טריט, וואס מיר גיבן, איז א טריט פון לעבן ווייטער, און דערנענטערט זיך צום טויט. און פארן אראבגיין אין דעם בונקער אין דעם טיפן, איידער זיי שטעלן דעם ערשטען טריט אויף דעם טרעפל פון דעם קבר גיבן זיי דעם לעצטן קוק אויף דעם הימל און לבנה — און א קרעכץ פון טיפן הארצן רייסט זיך אינסטיקטיוו פוןביידע הערצער גלייך ארויס. אין דעם אבשיין פון איר ליכט גלאנצן טרערן פון די שוועסטער די געפירטע, און פארגליווערט בלייבט שטיין א טרער ביי דעם ברודער, וועלכער באגלייט זי יעצט.

## אין אויסקליידונגס־רוים

אין גרויסן זאל אין טיפן, אין וועמענס מיט, צוועלף סלופעס שטייען, וועלכע האלטן אונטער דעם לאסט פון בנין און איז יעצט מיט עלעקטריש ליכט שטארק באלויכטן. ארום די ווענד, ארום די סלופעס — בענק מיט הענגערס צוגעקלאפט, פאר די זאכן פון די קרבנות, שטייען שוין פון לאנג דארט גרייט. אויף דעם סלופ, דעם ערשטען דארט, א שילד אופגעקלאפט איז פארהאן, אין פארשידענע שפראכן, ער ערקלערט, אז אין א "באד" געקומען זענען זיי, און די זאכן צום דיזענפעקצירן, אויסטון מוזן זיי.

מיר האבן זיך מיט זיי געטראפן, מיר קוקן זיך פארגליווערט אן. זיי וויס'ן אלץ, פארשטייען אלץ, אז דא איז ניט קיין באד, נאר דער זאל איז דער קארידאר, וועלכער צום קבר פירט.

דער זאל ווערט אלץ מיט מענשן פולער. ס'קומען אויטאס מיט קרבנות פרישע, און אלץ דער "זאל" — ער שלינגט זיי איין. מיר שטייען אלע ווי צומישט און קענען זיי קיין ווארט ניט זאגן. חאטש ס'איז ניט דער ערשטער פאל. שוין פיל טראנספארטן, נאך פאר זיי האבן מיר גענוג געהאט און אזעלכע בילדער, ווי היינט, ניט דאס ערשטע מאל שוין געזען. נאר דאך שפירן מיר זיך יעצט דא שוואך, ווי אין אנמאכט מיר געפאלן וואלטן מיט זיי צוזאמען.

מיר זענען אלע פארבליפט געווארן. אין די זאכן, די שוין אלטע, פיל צעריסן שוין פון לאנג — זענען איינגעהילט דארט די קערפערס פול מיט צויבער און מיט רייץ. קעפ מיט האר געלאקטע פיל, שווארצע, ברוינע, בלאנדע און אויך גרויע ווינציג דא און פון זיי קוקן אויגן, גרויסע שווארצע, טיפע, פול מיט כישוף צו אונז ארויס. מיר האבן פאר זיך דערזען, שפרודעלדיגע, צאפעלדיגע, ברויזענדע לעבענס, אלע אין מיטן בליען, פול מיט זאפט, פון לעבענס־קוואלן אנגעטרונקען זענען, ווי בלומען, רויזן אין דעם גארטן זיי נאך וואקסן. אנגעקוואלן פון דעם רעגן אנגעטרונקען פון דעם מארגן טוי. אין דעם זונען אבשיין גלאנצן די פינקעלדיגע קראפלעס פון זייערע בלומען אויגן — ווי פערל יעצט זיי ווינק'ן.

מיר האבן ניט געהאט אין זיך דעם מוט, ניט פארמאגט די דרייסטקייט צו זאגן זיי, אט די שוועסטער, אט די ליבע, אז אויסטון זאלן זיי זיך נאקעט. ווייל די זאכן, וואס זיי טראגן, איז נאך יעצט דער פאנצער־מאנטעל אין וועלכען זייער לעבן רוהט. און מיט דעם מאמענט, וואס זיי טוען אויס זיך די זאכן און בלייבן מוטער נאקעט שטיין, פארלירן זיי דעם לעצטן שטיצפונקט, פארלירן זיי דעם לעצטן אנהאלט, אין וועלכען זייער לעבן איינגעקלאמערט איז נאך יעצט. און דעריבער ווילט זיך זיי יעצט ניט זאגן, אז אויסטון זאלן זיי זיך גיכער. זאלן זיי נאך בלייבן שטיין נאך א מאמענט, נאך א רגע אין דעם פאנצער, אין דעם מאנטל פון דעם לעבן.

די ערשטע פראגע וואס אויף אלעמענס ליפן איז, צו זייערע מענער זענען שוין געקומען. זיי ווילן וויסן צו לעבט נאך וואו זייער מאן, פאטער, ברודער געליבטער דארט. אדער וואלגערן זיך שוין זייערע קערפערס טויט פארגליווערט ערגיץ־וואו, און די פלאמען זיי שוין ברענען, און קיין זכר שוין נישטו. און זי אליין א איינזאמע, א עלענדע איז שוין פארבליבן מיט איר קינד, דעם יתום שוין. אפשר האט זי שוין איר טאטן, ברודער און געליבטן אויף אייביג שוין פארלוירן. טא נאכוואס און צו וואס, דארף זי נאך בלייבן לעבן? זאג מיר ברודער — זאגט א צווייטע, וועלכע איז פון לעבן און פון דער וועלט אויף אייביג — אין געדאנק — רעזיגנירט פון זיי שוין לאנג. זי פרעגט אונז דרייסט און מיט א מוטיגער שטים: "זאגט איר ברידער, ווי לאנג דויערט עס דער טויט? צו איז ער שווער. צו קומט ער לייכט?"

was a step away from life, toward death. At the entrance to the sunken bunker, before they took the first step into the grave, they looked for the last time at the sky and the moon—and a moan escaped instinctively from deep in both our hearts. In the moonlight a tear would glisten in the eye of each sister who had been led here, and another would form in the eye of the brother who had led her.

## In the Disrobing Room

In the center of the deep, vast room flooded by harsh electric light stood twelve posts that supported the weight of the building. Around the posts and against the walls, benches had been placed with hangers attached for the victims' clothes. A placard fixed to the first post stated that this was the entrance to a "bathhouse," and clothes had to be removed for disinfection.

We met them, looked at them with glazed eyes. They knew everything, understood everything, that this room was not a bathhouse, but the corridor that led to the grave.

The room filled with people. Trucks arrived with fresh victims, and the room swallowed them all. We stood as if confused, unable to speak to them. Even though this wasn't the first time. We had already received many transports and witnessed many scenes like this one. But still we felt as weak as if we would faint together with these doomed women.

We were stunned. Their clothes, already old and tattered, covered bodies full of grace and charm. From heads covered with hair—black, brunette, blond, and even gray—large, deep-set eyes looked bewitchingly at us. We saw before us fresh, lively women, all in their prime and full of vitality, all nurtured from the wellspring of life, like roses growing in the garden, satiated by rainwater and the morning dew. In the brilliant light the teardrops in their flowerlike eyes sparkled like pearls.

We didn't have the daring or brashness to tell them, our dear sisters, to strip themselves naked, for their clothing was the armor that shielded their lives. The moment they took off their clothes and stood mother-naked, they would lose their last foothold. And therefore it was impossible to tell them to hurry and undress. Let them remain just a moment, just an instant, in their armor, in the mantle of life.

The first question on their lips was if their men had already been there. Each wanted to know if her husband, father, brother or lover still lived, or if his corpse already was burning in flames that would leave no trace, and she herself a widow with an orphaned child. Perhaps she already had lost her father, brother or lover forever. Then why should she remain alive? "Tell me, brother," said one, who in her mind had long ago given up on life and the world forever—she asked frankly and boldly, "Say, brother, how long does it take to die? Is it easy or hard?"

מען לאזט זיי אבער לאנג ניט אזוי שטיין. די מערדער־בעסטיעס לאזן פון זיך גלייך דא פילן. די לופט ווערט דורכגעריסן פון די געשרייען פון די שיכור'ע באנדיטן, וועלכע ווילן שוין וואס גיכער אנזעטיגן זייער חיה'ש דורשטיג אויג מיט דער נאקעטקייט פון זיי, מיינע ליבע שיינע שוועסטער. עס פליהען שטעקענס איבער פלייצעס, קעפ א.א.וו. און זאכן פאלן שנעל פון די קערפערס גלייך אראב. א טייל שעמען זיך, ווילן ערגיץ־וואו פארשווינדען, זייער נאקעטקייט ניט צו באווייזן. נאר ניט פאראן דא קיין ווינקל, דא עקזיסטירט מער ניט קיין חרפה. די מאראל מיט דער עטיק — מיט דעם לעבן אין דעם קבר גייען גלייך.

א טייל פאלן צו אונז צו, ווי פארשיכור'טע, פארליבטע ווארפן זיך אין אונזערע ארימ'ס און בעטן זיך מיט פארשעמטע בליקן, אז מיר זאלן זיי אויסטון נאקעט, זיי ווילן יעצט פון אלץ פארגעסן, זיי ווילן יעצט פון גארניט קלערן. מיט דער וועלט פון נעכטן, מיט איר מאראל און פרינציפן, און די עטישע באגריפן, האבן זיי ביים ערשטען טריט אויף דעם טרעפל פון קבר, דעם לעצטן חשבון געמאכט. יעצט ביים שוועל פון אונטערגאנג, כל זמן זיי האלטן זיך נאך ביים אויבערפלאך פון לעבן, און דער קערפער — ער אליין, ער פילט נאך, ער שפירט נאך, האט א דראנג פון עפיס נאך צו געניסן, ווילן זיי אים אלץ, אלץ אים געבן, דעם לעצטן פארגעניגן, די לעצטע פרייד פון אלץ וואס לאזט זיך פון לעבן נעמען — ווילן זיי יעצט אים אנטרינקען, אנזעטיגן פאר זיין טויט. און דעריבער ווילן זיי, אז דער יונגער קערפער, וועלכער שפריצט מיט בלוט פון לעבן שטארק, זאל די האנד פון א פרעמדן מאן, וועלכער איז יעצט דער נאנסטער ליבסטער דא, באריר, צערטלען זייער קערפער יעצט. און פילן וועלן זיי דאביי ווי די האנד פון איר געליבטן אדער מאן, וואלט געגלעט און געצערטעלט איר פון ליידענשאפט פארברענטן קערפער. זיי ווילן זיך פארשיכור'ן יעצט, די ליבע שוועסטער, די שיינע מיינע. און זייערע ליפן, די פלאמיג הייסע ציהען זיך צו אונז מיט ליבע און ווילן זיך ליידנשאפטליך יעצט קושן, כל זמן די ליפן זיי לעבן נאך.

עס לויפן פרישע אויטאס פיל און קרבנות קומען ווידער אין דעם גרויסן זאל אריין. פון דער ריי דער נאקעטער רייסן זיך יעצט פיל ארויס און פאלן ווילד מיט א געוויין און א געשריי, דאס האבן קינדער נאקעטע יעצט דער מאמען דא דערזען און קושן זיך, האלזן זיך, פרייען זיך, וואס צוזאמען געקומען זענען זיי זיך יעצט ווידער דא. און א קינד פילט זיך גליקליך וואס א מאמע, א מאמעס הארץ באגלייטן זי וועט צום טויט.

אלע טוען זיך אויס נאקעט, און אין דער ריי שטעלן זיך אלע גלייך, א טייל וויינען, א טייל שטייען שטיל פארגליווערט. איינע רייסט זיך די האר פון קאפ און רעדט ווילד צו זיך אליין. ווען איך דערנענטער זיך צו איר, הער איך בלויז די ווערטער: "וואו ביזטו געליבטער מיינער, פארוואס קומסטו ניט צו מיר איך בין דאך יונג און שיין גענוג." די דערנעבן־שטייענדע זאגן מיר, אז זי איז נאך נעכטן אין תפיסה משוגע געווארן.

אנדערע רעדן צו אונז שטיל און רוהיג: "אך! מיר זענען דאך אזוי יונג. עס ווילט זיך לעבן, ווינציג נאך פון אים גענומען". זיי פרווען גארניט אונז עפיס בעטן, ווייל זיי ווייסן און פארשטיין, אז מיר גלייך ווי זיי קרבנות זענען. נור רעדן, רעדן זיי סתם אזוי, ווייל דאס הארץ איז איבערפילט, ווילן זיי פארן טויט, פאר א מענשן וועלכער לעבט נאך דעם ווייטאג אים דערציילן.

עס זיצן דארט א גרופע פרויען, האלזן זיך און קושן זיך, דאס האבן שוועסטער זיך געטראפן און גיסן זיך צוזאמען אין איין קנויל אין איין מאסע.

דארט זיצט א מאמע א נאקעטע אויף דער באנק און האלט איר טאכטער אויף דער שויס. א קינד, א מיידל 15 יאר נאכניט אלט. זי האלט איר קאפ צו דער ברוסט געדריקט און קושט איר אלע גלידער אויס. און הייסע טרערן, שטראמיגע פאלן אויף דער יונגער בלום. דאס באוויינט די מאמע איר קינד, וועלכעס זי וועט מיט אירע אייגענע הענד צו דעם טויט באלד פירן דארט.

אין דעם זאל, דעם גרויסן קבר שטראלט יעצט דארט א ניי ליכט. אין

They weren't let alone for long. The murderous beasts could not restrain themselves. The air was torn by the cries of the drunken criminals, who couldn't wait to satisfy their bestial, thirsting eyes with the nakedness of my dear, beautiful sisters. Clubs came down on shoulders and heads, and clothes quickly dropped from the bodies. Some of the women were embarrassed, wanted to disappear somewhere where their nakedness could not be seen. But there was no hiding place here, no room for shame. Morality and courtesy passed with life into the grave.

A few passionately threw themselves into our arms and asked us with bashful glances to strip them naked; they wanted to forget everything now, to think of nothing. They had given up all thought of their previous life, with its moral principles and ethical considerations, when they took the first step into the grave. Now, on the threshold of doom, they thought only about the basic needs of life and of the body—the body alone still felt and sensed and desired. They wanted to give it everything, everything, to satisfy the last pleasure that life still offered the body before its death. And so they wanted their bodies, still pulsing with life's blood, to be touched, to be fondled by the hands of the strangers, who were the only ones present to receive their love. And in this way each would feel the hand of her lover or husband, stroking and fondling her body consumed by passion. They wanted rapture, my beautiful, beloved sisters, and their burning lips drew lovingly toward us, wanting to kiss passionately, to stay alive.

Several new trucks arrived and more victims entered the big room. Many broke from the line and fell wildly, weeping and crying; naked children recognized their mothers and kissed, embraced, rejoiced that they had been reunited here. And a child felt lucky to have a mother, a mother's heart, accompany him to the grave.

They all stripped themselves naked and stood straight in the line. Some cried, while others were stonily silent. One tore her hair and talked madly to herself. When I approached her, I heard only the words: "Where are you, my love, why don't you come to me? I'm certainly young and pretty enough." Those standing near told me that she had lost her mind in prison the day before.

Others spoke to us quietly and calmly: "We're still so young. We want to live, just a little more life." They weren't pleading with us, for they knew that we were victims just like themselves. They simply spoke, spoke just like that, because their hearts were heavy and before they died they wanted to tell their sorrow to those who would survive them.

A group of women sat embracing and kissing. These were sisters, who had met here and clung together.

There a mother sat naked on the bench, holding her daughter, a girl not yet fifteen, on her lap. She pressed her head to her breast and kissed all her limbs. And streaming hot tears fell on the young flower. Thus the mother mourned for her child, whom she would soon lead to death with her own hand.

More light now poured into the room, into the giant grave. On one side of this

אײן זײט פון גרויסן גהינום, שטײען יעצט זײ אויסגעשטעלט, די אלבאסטער װײסע פרויען־קערפערס און װארטן, װארטן ביז די טירן פון גהינום זיך אופמאכן װעלן און זײ דעם װעג צום קבר פרײ געבן. מיר די מענער דא אין די זאכן אנגעטוענע שטײען יעצט א קעגן זײ, און קוקן זיך פערגליװערט צו. מיר קענען ניט באגרײפן יעצט, צו איז דאס בילד א װירקליכקײט, צו איז עס בלויז א חלום גאר. צו זענען מיר ערגיץ־װאו אין א נאקטער פרויען־װעלט ארײנגעפאלן, און דא דארף באלד א שפיל פון טײװעל מיט זײ, די פרויען פארקומען דא? אדער זענען מיר ערגיץ־װאו אין א מוזעאום, אין א קונסט אטעליער ארײנגעפאלן און די פרויען, פון פארשידענע עלטער, מיט די גרימאסן פון יעדען אויסדרוק, מיט דעם שטילן געװײן און קרעכץ זענען ספעציעל — פאר דעם קינסטלער אלץ מאדעלן, פאר זײן קונסט געקומען זענען דא.

װײל געװאונדערט האט אונז יעצט דא, פארװאס זענען זײ מיטן אויסנאם פון פיל אנדערע טראנספארטן אין אלגעמײן אזוי רוהיג. א גרויסער טײל

אויך מוטיג און זארגלאז, װי קײן זאך װאלט מיט זײ פאסירן ניט געדארפט. מיט אזא העלדישקײט, מיט אזא רוהיגקײט קוקן זײ דעם טויט אין פנים, דאס האט בײ אונז די גרעסטע איבעראשונג ארויסגערופן. צו דען װײסן זײ ניט װאס זײ ערװארט? מיר קוקן אויף זײ מיט רחמנות בליקן, װײל מיר זעען שוין פאר אונזערע אויגן א נײ שױדערליך בילד, װי די אלע דא צאפעלדיגע לעבענס, װי די שפראדעלדיגע װעלטן, אט דער גערויש, אט דער געפילדער, װאס רײסט זיך פון זײ ארויס, װעט אין שעה'ן זײן טויט פערגליװערט. שטום אויף אײביג װעט װערן זײער מויל. די אויגן, די פינקעלדיגע, װעלכע באצויבערן יעצט מיט זײער כישוף, װעלן שטאר אויף אײן ריכטונג קוקן — און װעלן אין דער טויטער אײביגקײט עפּיס זוכן.

אט די שײנע רײצענדע קערפערס, װעלכע שפראצן יעצט מיט לעבן, װעלן װי עקעלהאפטע ברואים אויסגעצויגענע זיך װאלגערן אויף דער ערד אין שמוץ און ברוד, אין מענשליך קאל זײער אלבאסטער רײנער קערפער אויסגעשמירט װעט זײן.

פון דעם פערלדיגן מויל — צײנער מיט דעם פלײש צוזאמען אויסגעריסן װעלן װערן און בלוט װעט זיך גיסן דאן פיל.

פון דער נאז, אט דער געטאקטער — רינען װעלן דאן צװײ שטראמען — רויטע, געלע אדער װײסע.

און דאס פנים, אט דאס װײסע, ראזע — װעט רויט, בלוי אדער שװארץ פון גאז דאן װערן. אנגעלאפן פון בלוט די אויגן װעלן זײן, אז ניט דערקענען װעסט דו גאר, צו איז דאס די זעלבע, װעלכע יעצט דא שטײט. און פון דעם קאפ, דעם יעצט געלאקטן מיט די האר די אנדולירטע, װעלן הענד צװײ קאלטע די האר שנײדן, און פון די אויערן און פון די הענד, די רינגלעך און אויערינגלעך אראבציהען װעט מען זײ.

און דאן װעלן צװײ פרעמדע מענער אנטאן הענטשקעס אויף די הענד, אדער פאסקעס מיט זיך נעמען, און פארלײגן זײ אויף די הענד, אט די שנײ־װײסע, װעלכע יעצט דא בלאנקן, װײל עקלהאפט זײער אויסזען װעט דאן זײן — און ניט װעלן אים גאר נעמען װעלן זײ מיט די הענד די הוילע. שלעפן װעט מען איר, אט די שײנע יונגע בלום, אויף דער קאלטער, ברודיגער צעמענטירטער פאדלאגע. און אויסקערן װעט דער קערפער דעם גאנצן שמוץ, װאס אין װעג ער װעט נאר טרעפן.

און דאן װי א עקלהאפטע ברודיגע חיה געװארפן און געשלײדערט װערן. אויף דער װינדע צו דעם גהינום דארט אויבן צו דעם פײער געשיקט װעלן װערן, און אין מינוטן אט די קערפערס, די דיקע, פעטע — אין אש פערװאנדעלט װעלן װערן.

מיר זעען שוין, מיר פילן שוין זײער ענטגילטיגן סוף. איך קוק אויף זײ, אויף די צאפעלדיגע לעבענס, װעלכע פארנעמען דא אזא גרויסן, ריזיגן פלאץ, שטעלן מיט זיך גאנצע װעלטן דא גאר פאר — און אין מינוטן ארום — א צװײט בילד פאר מײנע אויגן שװעבט — װי א חבר פירט א טאטשקע אש אין גרויסן קבר דארט אװעק. איך שטײ יעצט בײ א גרופּע פרויען — 10—15

hell the women were now lined up, their white bodies waiting, waiting for the doors to open and admit them to the grave. We the men, still dressed, stood opposite them and motionlessly looked on. We could no longer grasp if this scene was real or only a dream. Had we fallen into a world of naked women who were soon to be the victims of a demonic game? Or had we fallen into a museum or artist's studio where these women, of different ages and with faces contorted in every way, weeping softly and moaning, had been brought specifically to serve as models for the artist?

For we wondered why they, unlike many other transports, were on the whole so calm, many even brave and carefree, as though nothing could happen to them. They faced death so heroically, so calmly, that we were deeply moved and surprised. Could it be that they didn't know what awaited them? We regarded them with pity, because already there came to us a new, dreadful realization of how all these vibrant souls, even the noise and chatter that rose from them, would in a few hours be stilled by death, their mouths silenced forever. The sparkling eyes, now so bewitching, would gaze fixedly in one direction—seeking something in the deadness of eternity.

These same women who now pulsed with life would lie in dirt and filth, their pure white bodies smeared with human excrement.

From the pearly mouths—teeth and flesh would be torn out together and blood would flow.

From the noses, so finely shaped—two streams would trickle, red, yellow and white.

And the faces, white and pink, would turn red, blue and black from the gas. The eyes would fill with blood, so that it would be impossible to know if this was the same face we were looking at now. The head, now covered with wavy hair, would be shaven by cold hands, and ears and fingers would be stripped of their earrings and their rings. And then two strangers would pull on gloves or lay strips on their hands, because the snow-white figure, so dazzling now, would by then be so repulsive that they would not want to touch her with bare hands. They would drag her—this same beautiful young flower—across the cold, filthy cement floor, and the body, after sweeping all the dirt in its path, would be flung aside like a carcass, to be lifted by pulley to the inferno above and fed to the fire that in minutes would reduce it to ashes.

Already we saw their inevitable end. I watched them, these vibrant souls who filled such an enormous room; entire worlds were represented here—and in only minutes from now. . . . A second image appeared before my eyes, of a fellow

prisoner steering a wheelbarrow filled with ashes to the mass grave. I was standing now near a group of ten or fifteen women and thought how all their bodies, all

איז זייער צאל — און אין א טאטשקע וועלן אלע זייערע קערפערס, אלע זייערע לעבענס, אין דער טאטשקע זיך באלד געפינען. קיין זכר פון קיין זאך וועט מער ניט זיין פון די אלע, וועלכע שטייען דא, אט די אלע, וועלכע שטעט גאנצע פארנומען האבן, אין דער וועלט א פלאץ געהאט, וועלן באלד אויסגעמעקט ווערן, מיטן ווארצל אויסגעריסן ווערן — ווי זיי וואלטן קיינמאל, קיינמאל געבוירן ניט געווארן. אונזערע הערצער ווערן צעריסן פון ווייטאג. מיר פילן אדורך, ליידן אדורך די יסורים פון איבערגאנג פון לעבן צום טויט.

אונזערע הערצער ווערן אנגעקוואלן פון מיטלייד. אך! ווען מיר קענען שטיקער פון אונזער לעבן פאר זיי, פאר זיי די ליבע שוועסטער מקריב זיין, ווי גליקליך וואלטן מיר געווען. עס ווילט זיך יעצט צודריקן זיי צו דעם ווייטאגפאלן הארץ, אויסקושן זיי די גלידער, אנטרונקן זיך מיט דעם לעבן, וועלכער וועט פארשווינדען באלד. איינקריצן טיף אין הארצן, אט דאס אויסזען, פון די לעבענס, וועלכע צאפלען זיך נאך יעצט, און טיף אין הארצן אייביג טראגן דאס בילד פון די לעבענס, וועלכע אויסגעגאנגען פאר אונז זענען. מיר זענען אלע יעצט געפאנגען פון א קאשמאר רעיונות, וועלכע האלט אונז געפאנגען. זיי, די ליבע שוועסטער קוקן אונז אן מיט וואונדער, פארוואס זענען מיר אזוי "צוטראגן" אין דער צייט ווען זיי זענען אזוי רוהיג. זיי וואלטן, יעצט מיט אונז פיל וועלן ריידען: וואס מען מאכט מיט זיי נאכדעם, ווען זיי זענען דאן שוין טויט, נאר ניט דרייסט דערצו זיי זענען — און דער סוד ניט ענטפלעקט בלייבט פאר זיי ביז דער ענדע.

זיי שטייען יעצט די גאנצע מאסע, די נאקעטע, די גרויסע און קוקן פארגליווערט אין איין ריכטונג, און קענטיג, אז א פינסטערע מחשבה וועבט זיך דארט אין מח אויס.

דארט אין דער צווייטער זייט ליגן יעצט די זאכן אלע אין איין קנויל און איין הויפן צוזאמענגעמישט. די זאכן זייערע, וועלכע זיי האבן נאר־וואס פון זיך אראבגעווארפן. זיי, די זאכן לאזן זיי יעצט ניט רוהען. חאטש זיי ווייסן, אז זיי דארפן זיי שוין מער ניט האבן, נאר דאך מיט פעדים פיל געבינדן זענען זיי מיט די זאכן. זיי פילן זיך נאך מיט זיי געבינדן — מיט די זאכן, וועלכע האלטן נאך אין זיך די ווארימקייט פון זייער קערפער. אט דא ליגן זיי צעווארפן, דא א קלייד, דא א סוועדער, וועלכע געווארעמט און געקליידעט האט זיי אזוי. אך! ווען זיי קענען דאס יעצט נאך איינמאל אנטאן, אט יענע קליידער ווי גוט, ווי גליקליך וואלטן זיי געווען. צו איז עס ווירקליך שוין אזוי — די לאגע אזוי טראגיש, אז די זאכן, וועט זייער גוף מער שוין קיינמאל אויף זיך ניט טראגן?

קענען זיי שוין יעצט באמת אויף הפקר דא פארבלייבן? וויל זייער אייגענטימער צוריק צו זיי וועט שוין מער קיינמאל ניט קומען?

אך! די זאכן, ווי יתומים שוין פארבליבן. ווי א עדות, ווי א אנזאג א באווייז פון טויט, וועלכער קומען וועט באלד שוין.

אך! ווער ווייס, ווער וועט נאך זיי די זאכן טראגן? אט גייט איינע פון דער ריי ארויס און הויבט אויף א זיידענע אפאשקע דארט, פון אונטער דעם פוס פון א חבר, וועלכער אויף איר געטרעטן האט. זי נעמט עס שנעל מיט זיך אוועק — און אין דער ריי פארשווינד זי גלייך. איך פרעג ביי איר: נאכוואס איז אייך נויטיג אט דאס טיכל? — א אנדענקונג פאר מיר איז עס — ענטפערט מיר דאס מיידל מיט איר שטילן קול. און מיט דעם וויל זי אין קבר גיין.

## דער מארש צום טויט

די טירן צופראלט געווארן זענען. ברייט דאס גיהנום פאר די קרבנות זיך געעפענט האט. אין דעם קליינעם צימער, וועלכער פירט צום קבר, שטייען אויסגעשטעלט ווי פאר א מיליטערישן פאראד די פארשטייער פון דער גרויסער מאכט. די גאנצע פאליטישע אבטיילונג איז היינט אויף דער שמחה דא געקומען. אפיצירן מיט הויכע ראנגעס, וועמענס פנימער מיר האבן אין די 16 מאנאטן נאכניט געזען. צווישען זיי שטייט אויך א פרוי, א "עס־עס־מאנקע", די לאגער פירערין פון פרויען לאגער. זי איז אויך געקומען זען, אט די גרויסע שמחה די "נאציאנאלע" ווי ס'קומען אום די קינדער פון אונזער פאלק.

their lives, would soon fill a wheelbarrow. No trace would remain. All of them, who had occupied entire cities, who had had a place in this world, would be effaced, uprooted, as though they had never been born. Our hearts ached with sorrow. We felt through them, suffered through them the anguish of passing from life to death.

Our hearts filled with pity. If we could only have given them pieces of our own lives, sacrificed ourselves for our sisters, how happy we would have been! We wanted to press them to our sorrowful hearts, cover their limbs with kisses, imbibe the life that soon would vanish. To etch in our hearts their living images, to carry their portraits in our hearts forever. We were all in the grip of these nightmarish thoughts, while they, our beloved sisters, wondered why we were so shaken when they were so calm. They wanted very much to know what would be done with them when they were dead, but none of them dared ask, and the secret was never revealed to them.

The enormous, naked crowd now stood looking fixedly in one direction, and it could be that a single dark thought wove through all their minds.

There on the other side all the clothes and articles that they had just discarded lay in a pile. These things troubled them now. Although they realized they would no longer need them, they had been strongly bound to these possessions, which still retained the warmth of their bodies. Here they lay cast off—a dress, a sweater that had clothed someone and kept her warm. If they could only put them on once more, how good, how happy they would feel. Was it really so—their situation so hopeless that they would never wear these things again?

Was it possible that these clothes would just be left there? That their owners would never return to them?

Clothes abandoned like orphans. Like witnesses or testimonies to the approaching death.

Ah! Who knew who would wear these things after them? A girl stepped out of place to retrieve a strip of silk from under the foot of a companion. She took it quickly and stepped back into the line. I asked her why she needed this kerchief. "For a keepsake," the girl replied in a low voice. She would take it with her to the grave.

## The Death March

The doors burst open. Hell gaped wide before its victims. In the little room that led to the grave, the representatives of the regime stood in full regalia, as if for a military parade. The entire Political Section had turned out for the celebration. High-ranking officers were there, whose faces we had never before seen during our sixteen months in the camp. Among them stood a woman, an SS officer, the director of the women's camp. She too had come to witness the "national" festival, the murder of the children of our people.

איך שטיי אין א זייט און אבסערוויר זיי ביידן. די באנדיטן, די גרויסע מערדער — און מיינע שוועסטערן די אומגליקליכע קרבנות.

דער מארש, דער טויטן־מארש האט זיך אנגעהויבן. זיי גייען מיט שטאלץ, מיט פעסטע טריט, דרייסט און מוטיג, ווי א קעגן לעבן געגאנגען וואלטן זיי. זיי ווערן אויך ניט געבראכן דאן, ווען זיי זעען שוין דעם לעצטן פלאץ, דעם לעצטן ווינקל, ווי דער לעצטער אקט פון לעבן וועט זיך באלד אבשפילן דארט. זיי פארלירן ניט דעם באדען אינטער זייערע פעסטע פוס — ווען זיי זעען, אז אין הארץ פון גהינום ליגן זיי שוין געפאנגען. זיי האבן שוין פון לאנג אלע חשבונות מיט דער וועלט און מיט דעם לעבן, נאר איידער זיי זענען דא געקומען — דארט אויבן רעגולירט. אלע פעדים, נאך אין תפיסה מיטן לעבן איבערגעריסן. און דעריבער גייען זיי יעצט אזוי רוהיג און געלאסן, און ווערן ניט איינגעבראכן ווען זיי דערנענטערן זיך צום סוף. עס מארשירן אן אויפהער נאקעטע פולבלוטיגע פרויען. עס דאכט זיך, אז א אייביגקייט, א אייביגקייט דער מארש ער דויערט.

עס דוכט זיך ווי גאנצע וועלטן, גאנצע וועלטן האבן נאקעט זיך יעצט אויסגעטון און געקומען דא אויף דעם טייוולאנישן שפאציר.

עס גייען מאמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענד געהאלטן, אנדערע ווערן ביי הענדלעך יעצט געפירט. זיי קושן יעצט די קינדער — א מאמעס הארץ האט קיין געדולד ניט, קושט זי דעם גאנצן וועג איר קינד. עס גייען שוועסטערס געארעמט, צונויפגעגאסן אין איין קנויל. א קעגן טויט צוזאמען ווילן זיי דארט גיין.

אלע קוקן מיט פאראכטענדע בליקן צו די אויסגעשטעלטע אפיצירן דארט, און ווילן זיי רעכט קיין בליק אפילו ניט שענקן. — קיינער בעט ניט, קיינער זיכט ביי זיי ניט קיין רחמנות. באוואוסטזיניג זענען זיי די קרבנות און ווייסן, אז ניט זיי און ניט אין זייער הארץ רוהט א פינק פון א מענשליך געוויסן. און ווילן זיי ניט אנטון אט דאס גרויסע פארגעניגן צו בעטלען ביי זיי אין פארצווייפלונג, אז שענקן זאלן זיי ווען ניט איז דאס לעבן.

מיטאיינמאל האט דער צוג דער נאקעטער מיטאמאל זיך אבגעשטעלט. עס גייט א קינד פון 9 יאר אלט, א בלאנדעס שיינעס, מיט גרויסע צעפלעך גוט פארפלאכטן, וועלכע הענגן ווי גאלדענע פאסן אויפן קינדישן פלייצעלע דארט אראב. נאך איר גייט איר מוטער נאך גאנץ דרייסט, און יעצט איז זי דא שטיין געבליבן און אין דער ריכטונג צו די אפיצירן גענומען דרייסט און מוטיג ריידען: מערדער, באנדיטן, אונפארשעמטע פארברעכער! יא, איר ברענגט יעצט אום אונז, אונשולדיגע פרויען און קינדער. אויף אונז די שוצלאזע און ווערלאזע ווארפט איר די שולד פון דעם קריג. איך מיט מיין קינד מיר, מיר האבן דעם קריג אויף אייך געבראכט.

געדענקט איר באנדיטן, מיט אונזער בלוט ווילט איר פארדעקן אייערע דורכאפלן אויפן פראנט. דעם קריג פארשפילט איר דאך באשטימט. איר ווייסט דאך גאנץ גוט די גרויסע מפלות אויף דעם אסט־פראנט פון יעדן טאג. געדענקט באנדיטן! — יעצט קענט איר רוהיג אלץ מאכן, אבער עס וועט אויך קומען א טאג, א טאג פון נקמה. דאס גרויסע רוסלאנד דאס זיגערישע וועט פאר אונז נקמה נעמען! לעבעדיג וועלן זיי אייערע קערפער צושניידן. אונזערע ברודער פון גאר דער וועלט, וועלן ניט רוהען ביז זיי וועלן פאר אונזער אונשולדיג בלוט נקמה נעמען.

און דאן ווענדעט זי זיך צו דער פרוי און זאגט: דו פרויען־בעסטיע ביזט אויך געקומען דא אנקוקן אונזער אומגליק. געדענק! דו האסט אויך א קינד, א פאמיליע, לאנג וועסטו זיך מיט זיי ניט פרייען. לעבדיגע שטיקער וועט מען פון דיר רייסן — און דיין קינד ווי מיינס וועט שוין לאנג מער ניט לעבן. געדענקט באנדיטן! איר וועט פאר אלץ באצאלן — די גאנצע וועלט, נקמה פון אייך וועט נעמען. און דאן א שפיי געטון זיי אין פנים און אריינגעלאפן מיטן קינד אין בונקער. זיי זענען געבליבן שטום פארגליווערט. איינער האט ניט געהאט דעם מוט אנצוקוקן דעם צווייטן. זיי האבן יעצט א גרויסן אמת דא דערהערט, וועלכער רייסט, שניידט, פליקט זייערע חיה׳שע נשמות. זיי האבן זי געלאזט ריידן, חאשט געוואוסט האבן זיי, וואס זי וועט זיי יעצט דא זאגן, נאר געוואלט האבן זיי דא הערן, וואס טראכט און וואס

I stood aside and observed both groups—the terrible murderers and their hapless victims, my sisters.

The march, the death march, had begun. The victims walked proudly, boldly, with firm steps, as though they were marching toward life. Nor did they break down on seeing the place where the final scene of their lives would be played. They kept their footing even when they realized that they were captives in the heart of hell. They had settled all accounts with the world and with life before coming here. All ties with life had been broken in captivity. That was why they walked so peacefully, so calmly, approaching their end without breaking down. Without a pause, these vibrant, naked women marched. It seemed to go on for an eternity, an eternity.

It seemed as though entire worlds, entire worlds, had been stripped naked and brought here for a devilish stroll.

Mothers passed with small children in arms; others were led by the hands of their little ones. They kissed their children—a mother's heart cannot be bound—kissed them all along the way. Sisters walked arm in arm, clinging together, wanting to face death together.

All glanced scornfully at the line of officers, not wishing to grace them with direct gazes. No one pleaded, no one sought mercy. They knew there was no spark of human conscience in those hearts. They didn't want to give them the pleasure of watching them beg for their lives in despair.

Suddenly the naked procession came to an abrupt halt. A pretty girl of nine, whose long, intricately plaited braids hung in golden strips down her childish shoulders, had approached followed by her mother, who now stopped and boldly addressed the officers: "Murderers, thieves, shameless criminals! Yes, now you kill innocent women and children. You blame us, helpless as we are, for the war. As if my child and I could have brought this war upon you.

"You think, murderers, that with our blood you can hide your losses on the front. But the war is already lost. You know very well what beatings you take every day on the eastern front. Remember! Now you can smooth everything over, but there will come a day—a day of revenge. Russia will be the victor, and she will avenge us! You will be carved up alive. Our brothers all over the world will not rest until they have avenged our innocent blood."

And then she turned to the woman and said, "She-beast! Have you also come to look on our misfortune? Remember! You too have a child, a family, but you will not enjoy them for long. You will be torn to pieces, and your child won't live much longer than mine. Remember, murderers! You will pay for everything—the whole world will take revenge on you."

Then she spat in their faces and ran into the bunker with her child. The officers stood silent, stunned. They couldn't look at one another. The terrible truth they had just heard tore into their bestial souls. They had let her speak even though they knew what she would say, compelled to listen to this Jewish woman on her

וועט זיי זאגן א פרוי, א יידישע, וועלכע גייט צום טויט. ערנסטע טיף פארטראכטע שטייען זיי יעצט די מערדער און באנדיטן. די פרוי האט פון קבר דא, די מאסקע די באנדיטן אבגעריסן זיי און זיי פארגעשטעלט די צוקונפט די גאר נאנטע, ווי זי וועט אויסזען באלד פאר זיי. זיי האבן שוין ניט איינמאל וועגן דעם געקלערט, און ניט איין פינסטערע מחשבה, האט פארנעפעלט זייערע קעפ, און יעצט האט דא די יידישע פרוי, זיי דעם אמת געזאגט. זיך ניט געשעמט און נאר די ווירקליכקייט די אמתע האט זי יעצט פאר זיי ענטפלעקט.

זיי האבן מורא לאנג צו טראכטן, ווייל טאמער דרינגט דער אמת צו טיף אריין. און דאן נאכוואס און צו וואס לעבן זיי? — נאר ניין! דער פירער, דער גאט, האט דאך אנדערש גאר ערקלערט, אז דער זיג, איז גארניט דארט אויף דעם שלאכט־פעלד פון דעם מזרח און פון דעם מערב נאר... נאר דא אין דעם בונקער, אט דא ליגט דער זיג, אט דא מארשירן זיי די ריזן שונאים צוליב וועמען, זייער בלוט גיסט זיך יעצט אויף אלע פעלדער פון אייראפע. דא מארשירן זיי די פיינד, צוליב וועמען די ענגלישע אוויאנען ווארפן באמבעס טאג און נאכט און טויטן דערביי יונג און אלט. — אט צוליב, צוליב די נאקעטע פרויען דא, מוז ער יעצט פון זיין היים זיין ווייט, און זיין קינד האט דארט אויף דעם מזרח זיין קאפ געמוזט לייגן דארט. ניין, דער פירער, דער גאט, ער איז גערעכט. אויסראטן, פארניכטן דארף מען זיי. און דאן, ווען זיי, די נאקעטע פרויען מיט די קינדער טויטע וועלן ליגן שוין, דאן באשטימט וועט דער זיג שוין זיכער קומען. — אך! ווען מען קען עס מאכן שנעלער, גיכער צונויפנעמען צונויפטרייבן זיי פון דער גאנצער וועלט און אויסטון זיי נאקעט און שוין יעצט, ווי די שוין נאקעטע פרויען דא אין דעם גיהנום זיי אריינטרייבן. אך! ווי גוט וואלט עס געווען. אויפגעהערט קלאפן וואלטן די קאנאנען — די אוויאנען וואלטן מער קיין באמבעס געווארפן — דער קריג צו ענדע וואלט געווען. בארוהיגט וואלט זיך אויף דער וועלט. די קינדער, די פארוואגלטע, צוריק אהיים געקומען וואלטן און א ניי גליקליך לעבן, זיך אנגעהויבן וואלט פאר זיי, נאר איין שטערונג איז נאך פאראן — אט די נאקעטע פרויען — אט די קינדער פון דעם פאלק, וועלכע באהאלטן זיך ערגיץ־וואו און מען קען זיי נאך דא ניט ברענגען און אויסטון נאקעט ווי די פרויען אט די שונאים, וועלכע מארשירן יעצט דא פארביי. און א האנד פון א בעסטיע א נאהייקע האט אויסגע־שטרעקט און געקלאפט האט מיט רציחה אויף די נאקעטע פרויען קערפערס.

לויפט׳זשע שנעלער שונאים גיכער אין דעם בונקער אין דעם קבר, ווייל יעדער טריט אייערער צום קבר איז א טריט צו אונזער זיג. און דער זיג מוז דאך קומען וואס שנעלער און וואס גיכער. צופיל צאלן מיר פאר אייך אויף די פראנטן אויף די גרויסע, — לויפט׳זשע גיכער איר טייוולאנים־קינדער און פארהאלט זיך ניט אין וועג, ווייל איר שטערט דערמיט צו אונזער זיג.

עס מארשירן ווייטער אין רייען יונגע נאקעטע פרויען פיל. און דער מארש בלייבט ווייטער שטיין. עס שטייט א יונג בלאנד רייצענד מיידל און רעדט ווייטער צו די באנדיטן: איר דונקעלע פארברעכער! איר קוקט אויף מיר מיט אייערע דורשטיגע חיה׳שע אויגן. איר זעטיגט זיך אן מיט דער נאקעטקייט פון מיין רייצענדן קערפער. יא, יעצט אט דא איז אייער צייט. איר האט אין לעבן, אין דעם ציווילן, וועגן דעם חלום׳ן ניט געקענט. איר אינטער־וועלט׳ניקעס און פארברעכער, דא האט איר געפונען דעם פאסיגן ווינקל אנצוזעטיגן אייער סאדיסטיש אויג. נאר ניט לאנג וועט איר אויך דאס פארגעניגן האבן. אייער שפיל איז צו ענדע, אלע יידן אומברענגען וועט איר ניט קענען. איר וועט גוט פאר אלץ באצאלן. — און מיטאמאל פלוצלינג דערלאנגט זי א שפרונג צו זיי און פארפראסקעט 3 מאל דעם אבערשארפיער פאסט, דעם שעף, דעם לייטער פון די קרעמאטאריעס. עס פליהען שטעקענס אויף איר קאפ און פלייצע. אין בונקער איז זי מיט א צולעכערטן קאפ אריין, פון וועלכען ס׳האט זיך ווארם בלוט געגאסן. דאס בלוט, דאס ווארימע האט איר קערפער ליב געצערטעלט, איר פנים פון פרייד געלאכטן האט. גליקליך און צופרידן איז זי געווען, ווייל אין דער האנד האט זי געפילט דאס פארגעניגן פונ׳ם אבגעפרעסטן פאטש אויף דעם פנים פון דעם בארימטען

way to die. Now they stood gravely, deep in thought. This doomed woman had torn the blinders from their eyes and revealed the future that loomed before them. None of this was new to them; many times dark thoughts had clouded their minds, but now it was a Jewish woman who spoke the truth. Unashamed, she had forced them to see reality.

They were afraid to think too long, for the truth might penetrate too deeply. And then what would they live for?—But no! The *Führer*, their god, had claimed something completely different, that victory was not to be won on the battlefields of the east and west . . . but here in the bunker. This was where victory lay—here where the terrible enemy, the cause of German blood being spilled on the battlefields of Europe, was now marching past. These were the hated enemy; for their sakes English airplanes dropped bombs night and day, killing young and old. It was because of these naked women that they were so far from home, because of them that their sons had to lay their heads down in the east. No, the *Führer*, the god, was correct. They must be exterminated, destroyed. Only then, when these naked women and children lay dead, would victory be assured. Ach, if only it could happen faster, if only all the Jews could be gathered and driven from the world more quickly, stripped naked and driven into the inferno like these women here! How good it would be. The cannons would cease thundering, the airplanes would stop dropping bombs, the war would be concluded. Peace would reign over the world. Their scattered children would return home to begin new and happy lives. Only one obstacle remained—these naked women—there were members of their nation still in hiding, who had not yet been brought here to be stripped naked like these who were marching past. And a brutal hand stretched out a whip and mercilessly beat the naked bodies.

Run faster, our enemies, faster into the bunker, into the grave, for every step you take brings us closer to victory. And victory must come more quickly, more swiftly! We have paid too dearly for you on the vast battlefields—now run faster, children of devils, and don't stop along the way, because that would hinder our victory.

They marched on—rows of young, naked women. And again the marching came to a halt. Another woman, this time a lovely, blond girl, had addressed the officers: "Wretched murderers! You look at me with your thirsty, bestial eyes. You glut yourselves on my nakedness. Yes, this is what you've been waiting for. In your civilian lives you could never even have dreamed about it. You hoodlums and criminals, you have finally found the right place to satisfy your sadistic eyes. But you won't enjoy this for long. Your game's almost over, you can't kill all the Jews. And you will pay for it all." And suddenly she leaped at them and struck Oberscharführer Voss, the director of the crematoria, three times. Clubs came down on her head and shoulders. She entered the bunker with her head covered with wounds, and the warm blood caressed her body lovingly; she laughed for joy, for

גרויסן מערדער און באנדיט. זי האט איר לעצטן ציל דערגרייכט. א בארוהיגטע אקעגן טויט איז זי געגאנגען.

## דאס ארייגשיטן דעם גאז

אין דער שטילקייט פון דער נאכט הערט זיך צווי פאר טריט יעצט גיין. אין דער ליכט פון דער לבנה זעען זיך די סילועטן צוויי. זיי טוען אן די מאסקעס, דעם טויטן־גאז צו שיטן. זיי טראגן מיט זיך פושקעס צוויי, וועלכע טויטן וועלן באלד די טויזנטער קרבנות דארט. זיי גייען יעצט אין יענער ריכטונג אויף דעם בונקער, צום טיפען גהינום, שטעלן זיי יעצט שטילע טריט. זיי גייען רוהיג, קאלט און זיכער, ווי א גאר הייליגע ארבייט וואלטן זיי יעצט געדארפט טון. זייער הארץ פארגליווערט קאלט ווי אייז, די הענד — קיין ציטער זיי גיבן קיינמאל, זיי גייען מיט אונשולדיגע טריט צו יעדן "אויג" פון טיפן בונקער און שיטן דארט דעם גאז ארײן און דעקן צו דאס אפענע "אויג" מיט א שווערן צודעק דאן, אז דער גאז זאל קיין צוריק פון דארט ניט האבן מער. דורך די אויגן־לעכער רייסט זיך צו זיי ארויס דער טיפער ווייטיגפאלער קרעכץ פון דער מאסע, וועלכע ראנגעלט זיך יעצט מיט דעם טויט, נאר ניט גערירט ווערט זייער הארץ. טויב, פארשטומט, קאלט פארגליווערט. גייען זיי צום צווייטן "אויג" און שיטן ווייטער דעם גאז אריין. ביז צו דעם לעצטן "אויג" זיי גייען, און דאן די מאסקעס אויסגעטון. — שטאלץ, מוטיג און צופרידן גייען זיי צוריק אוועק. אבגעטון די גרויסע ארבייט פאר דעם פאלק, פאר דעם לאנד. א טריט ווייטער צו דעם זיג האבן זיי געטון יעצט...

## דער צווייטער פראנט

אלץ גייט יעצט אריבער "דארטן" צו דעם 2־טען קרעמאטאריום. די אפיצירן מיט די פאסטענס און אויך מיר. עס ווערט צוריק דער פראנט אויסגעשטעלט. אלץ אין מלחמה גרייטקייט שטייט געשפאנט. און דא ווערן אנגענומען נאכמער פארזיכטיקייטס־מיטלען, ווייל אויב דער ערשטער צוזאמענטרעף מיט די קרבנות איז אריבער רוהיג אן שום קאמף, אן שום ווידעשטאנד און אן א קרבן דעם זיג געוואונען, אבער דא ביים צווייטן פראנט, קען אמאל עטוואס פאסירן, ווייל די קרבנות, די וואס דארפן באלד דא קומען זענען דאך א יונגע שטארקע מענער־מאסע. עס דויערט ניט לאנג און מיר הערן שוין דאס גערויש פון די גוט באקאנטע אויטא רעדער. "זיי קומען אן"! הערט זיך א געשריי פון "קאמאנדאנט". ד.ה. אז אלץ זאל זיין גרייט. אין דער שטילקייט פון דער נאכט הערט זיך דאס מאניפולירן, צום לעצטן מאל פאר דער שלאכט, מיט די ביקסן און מאשין־געווערן, צו זיי וועלן גוט פונקציאנירן אין דער צייט ווען זיי וועלן מעגליך דארפן זייער "ארבייט" מאכן.

די פראזשעקטארן, די גאר גרויסע באלייכטן ווידער דעם פלאץ, דעם טויטן. און אין דער שיין פון זייער ליכט און אין דער שיין פון דער לבנה גלאנצן ווידער לופעס פיל, געהאלטן דורך די הענד פון דער "גרויסער מאכט", וועלכע אין קאמף געשטעלט האט זיך יעצט געגן שוצלאזן, אומגליקליכן פאלק ישראל. פון צווישן די ביימער און די דראטן קוקן קעפ דארט ווילד ארויס. אין דער אבשיין פון דער לבנה גלאנצט מיט שרעק דער "טויטן־קאפ" אויף די העלמס פון די "העלדן", וועלכע טראגן אים מיט גאוה. ווי די שדים ווי די טייוולאנים, ווי מערדער און פארברעכער שטייען זיי יעצט פארטיילט אין דערמיט פון דער שטילער נאכט אוןווארטן, ווארטן מיט שרעק און מיט הינגער אויף דעם רויב, וועלכער באלד קומט אן.

## די ענטוישונג

אלע זענען געווען געשפאנט, "מיר" און "זיי". די פארשטעהער פון דער מאכט זענען געשטאנען אין שרעק און אין מורא. געציטערט האבן זיי, טאמער וועלן די פארצווייפעלטע מענער־מאסע וועלן ביים שוועל פון קבר ווי העלדן גאר פאלן. דאן קען דאך אויך א אומגליקספאל מיט וועמען פון זיי געשען. און ווער ווייס ? ווער דער איינער קען דא זיין, אפשר ער אליין וועט זיין דער קרבן.

אויך מיר זענען געשטאנען געשפאנט און מיט הארצקלאפונג ארויסגענומען זיי פון די אויטאס. מיר האבן געהאפט, מיר האבן געגלויבט, אז היינט

her hand still tingled from the blow she had dealt the notorious killer's face. She had achieved her final goal, and proceeded calmly to her death.

## Pouring in the Gas

Two pairs of footsteps disturbed the night's silence. In the moonlight two figures appeared. They put on masks, in preparation for pouring the poisonous gas that they carried in two cylinders, enough to kill the thousands of victims who waited there. They walked now in the direction of the bunker, treading softly. They walked calmly, cold and assured, as if called upon to perform some sacred duty. Their hearts ice, their hands never even trembling, they guiltlessly moved to each "eye" of the sunken bunker, poured in the gas, and covered the "eye" with a heavy lid so that no gas could escape. Through the peepholes they could hear the deep, agonized groan of the mass of people struggling with death, but they remained unmoved. Deaf and dumb, they moved on to the second "eye" and again poured in the gas. Then, after taking care of the last one, they removed the masks. Proud, calm, at peace with themselves, they walked away, having performed a great service for their people and country, having brought them a step closer to victory. . . .

## The Second Front

Everyone now moved "over there," to the second crematorium—the officers and guards, as well as ourselves. Again, a front was established. All was tense, in readiness for combat. Even more security measures were taken now than before because, even though the first reception of prisoners had proceeded smoothly and without any kind of resistance or casualties, the present group consisted of strong, young men, and so anything could happen. Before long we heard the familiar sound of the trucks. "They are coming!" shouted the Commandant. This was a signal to get everything ready. In the silence, one heard the rifles and machine guns being positioned for the last time before battle, so that they could function properly if called upon to do their "duty."

The enormous searchlights once again illuminated this place of death. And in their light and the light of the moon, several rifle barrels glittered once more, wielded by the "Great Regime" that now stood ready to do battle against the defenseless, hapless people of Israel. Faces peered wildly through the trees and barbed wire. In the moonlight the "death's head" gleamed frightfully from the helmets of "heroes" who wore it with pride. Like demons, like murderers, they huddled in the silent night, waiting, waiting in fear and hunger for their prey.

## Devastation

We were all tense—both "us" and "them." The representatives of the regime stood frightened, apprehensive. They were trembling. Perhaps this group of desperate men would go down like heroes on the threshold of the grave. In such a case, a "misfortune" could strike one of the guards. Each one wondered who it might be; perhaps he himself was marked.

We too were tense, our hearts pounding as we removed them from the trucks. We hoped, believed, that it would happen tonight, that tonight would bring the

וועט עס געשען, היינט וועט זיין דער ענטגילטיגער טאג, וועלכער ווערט פון אונז אויך מיט אונגעדולט ערווארטעט, אז ס'וועט געשען דער פאל, ווען די מאסע די פארצווייפעלטע וועט ביים שוועל פון קבר ארויסציהען די פאן פון קאמף און מיר צוזאמען האנד ביי האנד וועלן ארוסגיין אין ניט גלייכן קאמף. און ניט קוקן וועלן מיר דאן צו איז ער צוועקלאז, צו וועלן מיר די פרייהייט אדער לעבן דורך אים באקומען קענען. דער גרעסטער שאנס וועט זיין פאר אונז, וואס א סוף א העלדישן וועלן מיר מיט איינמאל מאכען מיט דעם לעבן, דעם פינסטערן. צו דעם שוידערליך טראגישן וועט א ענדע מוזן קומען. נאר ענטוישט זענען מיר געבליבן שטיין; אנשטאט ווי ווילדע חיות זיך נעמעןווארפן אויף אונז און אויף זיי, זענען זיי אין דער מערהייט רוהיג און געלאסן אראב פון די אויטאס און נערוועז און צושראקן גענומען קוקן אויף דעם גרויסן פלאץ ארום. און אויף דעם בנין — דעם גרויסן גיהנום — דעם לעצטן בליק לאנג געהאלטן, און מיט ארובגעלאזטע הענד, דעם קאפ געבויגן פון רעזיגנאציע שטיל געגאנגען זענען זיי אין קבר. אלע זיי פרעגן זיך אויף די פרויען, צו זיי זענען שוין דא געקומען. די הערצער קלאפן נאר פאר זיי, מיט טויזענטער אונצורייסבארע פעדים זענען זיי נאך יעצט געבונדען. זייער פלייש און בלוט, זייער הארץ און נשמה איז נאך יעצט אין איין ארגאניזם צוזאמען געבונדען, און עס ווייס גארניט יעצט דער טאטע, מאן, ברודער, חתן אדער באקאנטער, אז זיין פרוי און קינד, זיין שוועסטער, זיין כלה, פריינדין אדער באקאנטע, די פיל טויזענטע לעבענס, וועגן וועלכער זיי טראכטן און קלערן נאך יעצט און זענען דאך מיט זיי מיט'ן לעבן פארבונדען — ליגן שוין דארט אין דעם זעלבן גרויסן בנין, אין דעם טיפען קבר דארט, טויט אומבאוועגליכע, אויף אייביג פארגליווערטע זיי ליגן. זיי ווילט זיך גארניט גלייבן, ווען מיר דערציילן זיי דעם אמת, אז דער פאדים מיט די פרויען שוין פון לאנג איבערריסן איז געווארן.

א טייל ווארפן ווילד די פעקלעך אויף דער ערד גלייך אראב. זיי ווייסן, זיי קענען גוט דעם בנין, וועלכער מיט קרבנות שפייט יעדען טאג, דורך די קוימענס צו די הויכע הימלען דארט ארויס. אנדערע בלייבן שטיין טויט פארגליווערט און פייפן גאר א לידעל אויס און קוקן פארחלומ'טע און פארבענקטע צו דער לבנה און צו די שטערנס און גייען מיט א קרעכץ אין טיפען בונקער גלייך אראב. עס האט לאנג גארניט געדויערט און אלע נאקעטע געבליבן זענען שטיין און אין דעם בונקער צו דעם טויט געגאנגען רוהיג אן ווידערשטאנד און אן קאמף געגאנגען זענען זיי.

## זי און ער

הארצרייסענדע סצענעס האבן זיך בלויז אבגעשפילט אין די מאמענטן, ווען א געוויסע צאל פרויען, וועלכע האבן שוין אין קרעמאטאריום 1 קיין פלאץ ניט געהאט, זענען זיי, צו די מענער געבראכט געווארן. עס לויפן ווילד און משוגע נאקעטע מענער צו די פרויען צו און יעדער איינער זוכט צווישן זיי ווער זיין פרוי, זיין מאמען, ווער זיין קינד, שוועסטער אדער באקאנטע. די איינצל "גליקליכע" אזוי פרויען ווי מענער, וועלכע האבן זיך דא יעצט געטראפן, האלטן זיך שטארק צוגעדריקט און קושן זיך ליידענשאפטליך, איינער דעם צווייטן. און אין דערמיט פון גרויסען זאל זעסטו דאס שוידערליכע בילד ווי א נאקעטער האלט זיין פרוי ארמגענומען, אדער א ברודער מיט א שוועסטער שטייען יעצט פארשעמטע און קושן זיך וויינענדיג און גייען צוזאמען "גליקליכע" אין בונקער אריין.

עס זענען פיל פרויען איינזאמע און עלענדע אליין געבליבן זיצען. זייער מאן, ברודער אדער פאטער איז פון די ערשטע אין בונקר שוין אריין. ער קלערט דארטן וועגן זיין פרוי און קינד, מאמען, שוועסטער און ער ווייס ניט דער אומגליקליכער, אז אין דעם זעלבן בונקער דא צווישן פרעמדע מענער דארט שטייט זיין פרוי א נאקעטע און זוכט און נישטערט צווישן זיי, אפשר וועט זי דאס פנים דאס ליבע צווישן זיי דא טרעפן. און אזוי אין בענקעניש און זוכעניש לויפן אירע בליקן ווילד ארום.

צווישען דער מענער מאסע ליגט דארט אויסגעצויגן די פרוי אין בענקעניש און זוכעניש, איר קערפער האט זיך אויסגעצויגן מיטן פנים צו דער מאסע, זי האט ביים לעצטן אטעם־צוג נאך געזוכט דעם מאן צווישען זיי.

redeeming moment for which we had been impatiently waiting, when the desperate throng on the edge of the grave would pull out the flag of resistance. And we would go with them, side by side, into the unequal battle. At that moment we would not think about the futility of our struggle or whether it would gain us life and freedom. Our best hope would be for a heroic end to this dismal life, an end to this terrible tragedy.

But what actually happened shattered our hopes; instead of fighting like wild animals, the victims for the most part came down from the trucks peacefully and passively, looking nervously at the vast area around them. Their final glances lingered on the building, the giant hell, and with arms dangling and heads bowed in resignation they proceeded quietly to the grave. All of them asked if their women had already been there. Their hearts beat only for them; thousands of unbroken threads still joined them. Flesh and blood, hearts and souls were still bound together into single organisms. It was not yet known by these fathers, husbands, brothers, bridegrooms and friends that their wives and children, sisters and brides, the thousands of souls whom they still thought of as alive and connected to their own lives, already lay dead in that gigantic building, that deep grave. They didn't want to believe it when we told them that the thread that bound them to the women was already severed.

A few threw their parcels violently to the ground. They recognized only too well this building whose chimneys every day spewed forth corpses to the high heavens. Others stood still, or whistled a little tune while looking wistfully and dreamily at the moon and the stars, and then, moaning, descended directly into the deep bunker. Before long all the naked men had gone peacefully, without struggle or resistance, to their deaths in the bunker.

## She and He

It was a heartrending scene when a number of women who had been unable to fit into Crematorium 1 were brought over to the men. Naked men ran frantically to the women, each seeking his wife, his mother, his child, sister or friend. The few "lucky" couples who were reunited here clasped each other firmly and kissed passionately. In the middle of the big room one saw unbearable things—a naked man holding his wife in his arms; a brother and a sister standing embarrassed, kissing through tears, and passing "happily" together into the bunker.

There were several women who remained miserably alone. Perhaps a husband, brother or father was already there in the bunker. Perhaps he was thinking about his wife and child, mother or sister, not realizing that she was in the same bunker, naked among strange men, seeking his beloved face in the crowd. And so, yearning, searching, her gaze wandered wildly.

In this crowd of men a woman stretched upwards, yearning and searching, her body facing the throng. Even as she was drawing her last breath, she looked for her husband.

און דארט ביים ברעג, ביים בונקער וואנד, איז געשטאנען דארט איר מאן און קיין רוה דארט ניט געהאט. אויף זיינע פינגער־שפיצן זיין קערפער זיך געהויבן האט. און אויך ער געזוכט האט צווישען זיי, זיין פרוי זיין נאקעטע, וועלכע צווישען דער מענער־מאסע זיך געפונען האט. און ווען ער האט זי שוין באמערקט און זיין הארץ האט האסטיג געגומען קלאפן, און זיינע ארימס צו איר, צו איר זיך אויסיגעצויגן האבן, און געוואלט א וועג צו איר זיך מאכן און שטארק איר נאמען געגומען רופן — דאן האט דער גאז אין זאל זיך צושאטן און ער איז אזוי פארגליווערט מיט אויסגעשטרעקטע ארימס צו זיין פרוי, מיט א אפען מויל און אויגן ווילד פארשטארט, איז ער געבליבן ליגען. מיט איר נאמען אויף די ליפען אויסגעגאנגען איז זיין הארץ און פראשווינדען זיין נשמה.

עס האבן הערצער צוויי ריטמיש דארט געקלאפט, און אין בענקעניש און אין זוכעניש אויסגעגאנגען זענען זיי.

## ״הייל היטלער״

דורך דעם פענסטערל פון דער קבר טיר, האבן זיי, די ״מאכט״ אליין געזען, ווי די גרויסע מענער־מאסע איז אומגעפאלן טויט פארגליווערט פון דעם טויטן־גאז.

גליקליכע, צופרידענע, מיטן ענטגילטיגן זיג אין דער טאש זענען זיי פון קבר יעצט ארויס. זיי קענען יעדער איינער יעצט שוין רוהיג און זיכער פארן אהיים. אבגעמעקט, אבגעווישט איז געווארן דער גרויסער פיינד, פון זייער פאלק, פון זייער לאנד. און יעצט וועט אלץ שוין ווידער מעגליך זיין. דער ״פירער״ דער גרויסער גאט, האט דאך אליין געזאגט: יעדער טויטער ייד — א טריט ווייטער צום זיג. און דא, דא פינף טויזענד מיטאמאל אין שעה׳ן קורצע דעם טויט געמאכט. אזא זיג אזא נצחון, אן איין קרבן און אן איין פארלוסט. ווער, ווער נאך ווי זיי, אט די קלוגע אפיצירן קען אזא רוהמפולע טאט באווייזן?

זיי געזעגנען זיך מיטן אויפהייבן די האנד און מיט דער באגריסונג דער ״הייליקער״ זעצען זיי זיך צופרידענע אין די אויטאס גלייך אריין.

זיי לויפן יעצט די אויטאס פיל מיט גרויס חוצפה און מיט פרייד, פון א זיג פירן זיי יעצט די גרויסע העלדן פון דער וועלט. באלד וועלן טעלעפאנען קלינגען, אנזאגן וועט איינער יעצט דעם צווייטן וועגן גרויסן זיג און נצחון.

ביז צו אים דעם ״פירער און גאט״ וועט די ידיעה דארט דערגרייכן וועגן גרויסן זיג און גרויסן נצחון, וואס אבגעהאלטן איז היינט געווארן. ״הייל היטלער!״

## אויפן טויטן פלאץ

ס׳איז שטיל אויפן פלאץ געווארן. ניט דא קיין פאסטענס ניט דא קיין אויטאס מיט גראנאטן, ניט דא קיין פראזשעקטארן. אלץ פארשווינדן מיט אמאל איז געווארן. א טויטע שטילקייט האט צוריק גענומען איינטרעטן אויף גאט׳ס וועלט, ווי דער טויט פון טיפן גהינום דארט, וואלט דורך א שטילע כוואלע זיך צוגאסן אויף דער וועלט און איינגעוויגט, איינגעשלעפערט די גאנצע וועלט אין דעם אייביגן טויטן־שלאף. די לבנה איז זיך רוהיג ווייטער איר שפאציר געגאנגען. די שטערנס אויפן בלויען טיפען הימל האבן צויבערפאל געפינקעלט. רוהיג שטיל איז זיך די נאכט אין דער אייביגקייט געפלאסן, ווי קיין זאך וואלט אויף דער וועלט היינט גארניט פארגעקומען. די נאכט, די לבנה, די הימלן און די שטערנס האבן טיף אין זיך דעם סוד פארשלינגען וואס דער טייוועל האט די נאכט פארטיג געמאכט און קיין צייכן און קיין סימן פון דער אכזריות פאר דער וועלט ניט געלאזט מערקען.

אין דער שיין פון דער לבנה מערקט זיך בלויז אויפן טויטן פלאץ בערגלעך פון קליינע שאטענס, דאס ליגן פעקלעך אנגעווארפן — די עדות פון דעם לעבן פון אמאל. עטלעכע סילועטען פון מענשן־שאטענס שלעפן עפיס א שווערע משא פון דער ערד, צו א טיר א אפענע דערלאנגען זיי דעם קערפער צו. זיי גייען ווייטער מיט שטילע טריט צוריק און שלעפן א צווייטן דארט און פארשווינדן מיט אים אין דער טיר דער אפענער. אין דער נאכט, דער שטילער הערט זיך יעצט דאס פארריגלען פון א טיר, דאס האט מען יעצט דארט אבגעשלאסן די ברידער, די אומגליקליכע, וועלכע דארפן באלד

And there on the edge of the crowd, by the wall, he stood restlessly, on the tips of his toes, looking for his wife. And when finally he saw her, his heart began pounding furiously, and he stretched out his arms toward her, trying to make a path, to shout her name. That was when the gas entered the room, and so he remained transfixed in that position—arms outstretched, mouth open, eyes insanely frozen. His heart had given out, his soul departed, with her name still on his lips.

Their two hearts had beaten together with one pulse, and, yearning and searching, together they expired.

## "Heil Hitler!"

Through the little window in the gas chamber's door, they, the authorities, could see for themselves how the mass of men lay dead, stiffened from the poison gas.

Happy, assured, with victory in their grasp, they emerged from the place of death. Each of them could now go home relaxed and confident. Effaced and annihilated was the great enemy of their people, of their country. And now, everything was possible once more. The *Führer*, the great god, had said it himself: "Every dead Jew—a step toward victory." And here, here were five thousand at once, killed off in just a few short hours. Such victory, such triumph, without one loss or sacrifice! Who, who else but they, these brilliant officers, could claim such a glorious deed?

They parted with the raised-arm salute and, after hailing their "holy one," climbed contentedly into their cars.

They drove quickly, exhilarated and full of daring, leaving behind a triumph that assured them heroic stature. Soon telephones would start ringing, spreading the news.

Until word of the great victory secured tonight would reach him, the "*Führer* and god." "*Heil Hitler!*"

## In the Place of Death

It had become quiet in the area of the crematorium. No guards, no cars with grenades, no searchlights. Everything had suddenly vanished. A fatal stillness resumed its pacing over God's world, as if all the death contained in that deep hell would gather into a silent wave and inundate the world—would cradle and lull the entire world into the eternal sleep of death. The moon continued her peaceful stroll. The stars glittered enchantingly in the deep, blue sky. The night flowed in calm silence through eternity, as though nothing could have happened in the world below. Night, moon, sky and stars had swallowed up the secret that the devil had prepared for them, leaving no sign or vestige of cruelty for the world to perceive.

In the moonlight the only things discernible in this place were little hills of shadows, of discarded parcels—witnesses to lives that were no more. A few silhouetted human figures were dragging a heavy load along the ground; they passed the load—a corpse—through an open door. They went back with quiet steps and retrieved another one, this time disappearing with it behind the door. Through the night silence came the sound of a bolt being turned; the brothers, the wretches

צו דער טויטן־ארבייט גיין. אין דער שטילקייט פון דער נאכט הערט זיך דארט טריט יעצט גיין. דאס גייט דער שומר ארום בית־הקברות און היט די ברידער, די אומגליקליכע דארט, וועלכע אין גהינום יעצט דארט ארבייטן, ביי זייערע טויטע שוועסטער און טויטע ברידער, און היטן היט זיי יעצט דער שומר. אז ניט אנטלויפן זאלן זיי פון טויט.

## אין בונקער

מיט א ציטער אין די הענד, דרייען ברידער יעצט שרויפן, און הויבן דארט פיר ריגלען אויף. עס האבן זיך טירן יעצט צוויי געעפענט פון ביידע גרויסע קברים דארט. עס האט א ווייה געטון א כוואלע פון גרויזאמן טויט. פארגליווערט זענען אלע געבליבן שטיין און זייערע בליקן גלייבן ניט געוואלט. ווי לאנג? ווי לאנג איז דאס געווען, פאר אונזערע אויגן שוועבן זיי נאך, די צאפלדיגע יונגע פרויען און די מענער, אין אונזערע אויערן קלינגט נאך דער לעצטער קלאנג פון זייער ווארט. עס פארפאלגט אונז נאך די בליקן פון זייערע טיפע מיט טרערן אנגעפילטע אויגן.

און יעצט מיטאיינמאל וואס איז פון זיי געווארן? די טויזנטער, די טויזנטער ברוזענדיגע, רוישענדיגע, זינגענדיגע לעבענס, ליגן יעצט שוין טויט פארגליווערט. מען הערט ניט יעצט קיין קלאנג, קיין ווארט, פארש־טימט אויף אייביג איז געווארן זייער מויל. פארגליווערט זייערע בליקן געבליבן שטיין, זייערע קערפערס אן באוועגונג געבליבן ליגן זענען דא. אין דער טויטער פארגליווערטער שטילקייט הערט זיך בלויז א שטילער קוים הערבארער גערויש, דאס גיסט זיך יעצט פון די טויטע קערפערס א פליסיקייט, פון פארשידענע עפנונגען דארט ארויס. דאס איז יעצט דער איינציג באוועגליכער מאמענט דא, אין דער גרויסער טויטער וועלט.

די אויגן ווערן צוגעשמידט, פארהיפנאטיזירט, פון דעם ים, נאקעטע טויטע קערפערס, וועלכער האט זיך פאר אונז יעצט אנטפלעקט. א וועלט א נאקעטע האבן מיר יעצט דערזען. זיי ליגן אומגעפאלן, איינגעפלאכטענע, אייגעדרייטע איינער אין צווייטן ווי א קנויל געבונדען, ווי דער טייוול וואלט ספעציעל פארן טויט, מיט זיי אזא טייוולאניש שפיל געמאכט און אין אזא פויזע אויסגעלעגט. דא ליגט איינער אינגאנצען אויף די קערפערס אויסגעצויגן. דא האלט איינער דעם צווייטן ארומגענומען און זיצן ביידע ביי דער וואנד. דא שטעקט בלויז א שטיק פון א פלייצע ארויס און דער קאפ מיט די פוס אין אנדערע קערפערס איינגעדריקט איז. דא זעסטו בלויז א האנד, א פוס אין דער לופטן ארויסשטעקן און דער גאנצער קערפער אין טיפען נאקעטן ים ער ליגט. זעסט בלויז שטיקער פון מענשליכע קערפערס אויף דער אויבערפלאך פון דער נאקעטער וועלט.

אין דעם גרויסן ים, דעם נאקעטן, שווימן יעצט דארט פיל קעפ ארום. זיי האלטען זיך יעצט אויף דער אובערפלאך פון די נאקעטע כוואלעס. עס דוכט זיך, ווי זיי וואלטן געשווימען אין דעם גרויסן ים דעם טיפן און בלויז די קעפ קוקן פון נאקעטן טיפן אבגרונד דארט ארויס.

די קעפ, די שווארצע, בלאנדע, ברוינע, זענען בלויז די איינציגע טיילן, וועלכע רייסן זיך פון דער אלגעמיינער נאקעטקייט ארויס.

## די צוגרייטונג צום גיהנום

מען מוז דאס הארץ, דאס פילבארע אבטויטן, אבטעמפן אין אים יעדעס ווייטאגליכע געפיל. מען מוז פארשרייען אין זיך די גרויזאמע לײדן, וועלכע ווי א שטורם צוגיסן זיך איבער אלע גלידער. מען מוז ווערן פארוואנדעלט אין א אויטאמאט, וועלכער זעט ניט, פילט ניט און פארשטייט ניט.

די פוס מיט די הענד האבן צו דער ארבייט זיך געשטעלט. עס שטייען א גרופע חברים, יעדער ביי זיין ארבייט פארטיילט. מען שלעפט, מען רייסט מיט כח די קערפערס פון דעם קנויל ארויס, דער פאר א פוס, דער פאר א האנד, ווי באקוועמער נאר עס איז. עס דוכט זיך, אז אויף שטיקער וועלן זיי באלד פון דעם כסדר־דיגן שלעפן צוריסן ווערן. דער קערפער ווערט דאן אויף דער שמוציגער קאלטער צעמענטענער פאדלאגע געשלעפט, און ווישט אויס מיט זיין שיינעם ריינעם אלבאסטער קערפער, ווי מיט א בעזים, דעם גאנצן שמוץ, דעם גאנצן ברוד וואס ער טרעפט נאר אויפן וועג. מען נעמט דעם קערפער דעם אויסגעשמירטן און מען לעגט אים מיטן פנים גלייך ארויס.

who had to dispose of the dead, were now locked in. Again footsteps were heard in the quiet night. This was the guard circling the deathhouse, watching over those who worked in that hell among the corpses of their brothers and sisters; and he made sure—this guard—that none of them could escape from that place of death.

## In the Bunker

Hands trembling, brothers removed the screws and lifted the four bolts, opening the two doors to the giant tombs. A sickening wave from that scene of violent death washed over us. We stood stark still and could not believe our eyes. How long? How long had it been since we had seen them alive? They still hovered before us—the vital young men and women. Their last words still echoed in our ears. The gazes of their tear-filled eyes still accused us.

And what had become of them now? Thousands, thousands of spirited, bustling, singing[7] beings now lay stiffened by death. No word or sound was heard, their mouths silenced forever. Their gazes were fixed, their bodies motionless. In the deadened, stagnant stillness there was only a hushed, barely audible noise—a sound of fluid seeping from the different orifices of the dead. That was the only movement in this vast, dead world.

Our eyes were glued to this sea of naked corpses. We were viewing a naked world. They lay as they had fallen, contorted, knotted together like a ball of yarn, as though the devil had played a special game with them before their deaths, arranging them in such poses. Here one lay stretched out full length on top of the pile of corpses. Here one held his arms around another as they sat against the wall. Here part of a shoulder emerged, the head and feet intertwined with the other bodies. And here only a hand and a foot protruded into the air, the rest of the body buried in the deep sea of corpses. The surface of this naked globe was made up entirely of parts of human bodies.

Here and there heads broke through this sea, clinging to the surface of the naked waves. It seemed that while the bodies were submerged in the vast sea, only the heads could peer out from the abyss. These heads—dark, fair, brown—were the only parts that broke through the universal nakedness.

## Preparations for the Inferno

One must deaden the feeling heart, dull its capacity for pain. One must suppress the anguish that sweeps like a storm over every limb. One must turn into an automaton, unseeing, unfeeling, uncomprehending.

Hands and feet set to work. Every member of the squad is assigned a specific task. We pull, vigorously pry apart the knot of intertwined bodies, one of us taking a foot, the other a hand—how convenient it all is. It seems as though we will tear the corpses to pieces with our systematic prying. Each one is then dragged along the filthy, cold cement floor, the beautiful, clean body sweeping up all the dirt and filth in its path like a broom. Then it is laid facing upwards, eyes fixed in a stare

---

7) In four chapters not translated here, Gradowski describes how the victims sang the "Internationale" and "Hatikvah," the Czech national anthem and the Partisans' Hymn

עס קוקן צו דיר א פאר אויגן שטארק פארגליווערט, ווי זיי וואלטן דיך פרעגן: וואס גייסטו דו ברודער מיט מיר דא מאכן? ניט איינמאל דערקענסטו א באקאנטן, מיט וועלכען דו האסט פארן אריין גיין אין קבר דארט פארבראכט. דריי מענשן שטייען און גרייטן אים צו. איינער מיט א קאלטער צוואנג און ריקט איר דארט אין שיינעם מויל אריין און זוכט א צאן א גאלדענעם, און ווען ער טרעפט אים רייסט ער מיטן פלייש ארויס. עס שנייט א צווייטער די האר די געלאקטע — די פרויען־קרוין אראבגענומען, און דער דריטער רייסט די אויערינגלעך שנעל אראב, און ניט איינמאל מיט בלוט רייסן זיי זיך פון דארט ארויס. און די רינגלעך, וועלכע לאזן זיך לייכט פון זיי ניט נעמען, ווערן מיט צוואנגען אראבגעריסן.

און יעצט ווערט זי צו דער ווינדע געגעבן. ווי העלצער ווערן די קערפערס דורך צוויי מענשן אויף איר געווארפן, און אז זייער צאל איז שוין 8—7, ווערט מיט א שטעקן א סימן געגעבן און די ווינדע הויפט זיך אויף.

## אין הארץ פון גיהנום

דארט אויבן ביי דער ווינדע שטייען מענשן פיר. צוויי פון איין זייט ווינדע, צום "רעזערוו"־צימער דארטן, די קערפערס זיי שלעפן. און צוויי, וועלכע גלייך צו די אויווענס די קערפערס זיי ציהען. זיי ווערן אויסגעלייגט צו צווייט ביי יעדען מויל פון אויווען. קינדער קיילנע ליגן אין א זייט אין א גרויסן שטויס אנגעווארפען — זיי ווערן צוגעווארפן צו צוויי גרויסע. זיי ווערן אויף דעם אייזערנעם "טהרה־ברעט" ארויפגעלעגט, דאן מאכט מען אויף דאס גיהנום־מויל, און דאס ברעט ארייגעריקט אין אויווען ווערט. דאס העלישע פייער ציט זיינע צונגען, ווי אפענע ארימס אויס און כאפט דעם קערפער ווי א אוצר גלייך אריין. די ערשטע כאפן די האר זיך אן. די הויט אין בלאזען אנגעלאפן ווערט און פלאצן אין סעקונדעס באלד. די הענד און די פוס הויבן זיך אן דארט באוועגן — דאס ווערן יעצט די אדערן אנגעצויגען און זיי באוועגן דאס די גלידער. דער קערפער, דער גאנצער ער פלאקערט שוין שטארק, געפלאצט האט די הויט, עס גיסט זיך דאס פעטס און דו הערסט דאס צישען פון ברענענדען פייער. דו זעסט שוין ניט קיין קערפער, נאר א זאל פון א העלישן פייער, וועלכעס האלט אין זיך עפיס. עס פלאצט גלייך דער בויך. די קישקעס און די געדערעם, לויפן שנעל פון אים ארויס, און אין מינוטן קיין זכר פון זיי שוין ניט דא. אמלענגסטן ברענט זיך יעצט דער קאפ. פון זיינע אויגן בלויע פלעמלעך יעצט פינקלען — דאס ברענען יעצט די אויגן מיטן טיפן מארך ארויס, און פון דעם מויל די צינג זי ברענט נאך יעצט. צוואנציג מינוט דויערט די גאנצע פראצעדור — און א קערפער א וועלט אין אש פארוואנדעלט איז געווארן.

דו שטייסט פארגליווערט און קוקסט זיך איין. אט לייגט מען זיי צוויי דא ארויף. צוויי מענשן, צוויי וועלטן, האבן אין דער מענשהייט זייער פלאץ פארנומען, זיי האבן געלעבט און עקזיסטירט, געטון און געשאפן. געלייסטעט פאר דער וועלט און פאר זיך, געלייגט א ציגל צום גרויסן בנין, געוועבט א פאדים פאר דער וועלט און פאר דער צוקונפט — און באלד אין צוואנציג מינוטן קיין זכר פון זיי וועט ניט זיין.

אט ליגן ווייטער יעצט דא צוויי, ארומגעוואשן האט מען זיי. פרויען יונגע שיינע, פרעכטיג זענען זיי אמאל געווען. צוויי וועלטן גאנצע האבן זיי פארנומען אויף דער ערד, וויפיל גליק און פארגעניגן האבן זיי אויף דער וועלט געבראכט, יעדער שמייכל איז געווען א טרייסט, יעדער בליק איז געווען א גליק, יעדעס ווארט ווי א הימלישער געזאנג באצויבערט האט, וואו נור זיי האבן זייער פוס געשטעלט, האבן זיי פרייד און פארגעניגן מיט זיך געבראכט. הערצער פיל האבן זיי געליבט און יעצט ליגן זיי צו צוויי אויף דעם ברעט דעם אייזערנעם און עפענען וועט זיך באלד דאס מויל און אין מינוטן קיין זכר פון זיי וועט ניט זיין.

אט ליגן ווייטער יעצט דארט דריי. א קינד צו א מאמעס ברוסט געדרוקט, וויפיל גליק, וויפיל פרייד האט די מאמע, האט דער טאטע, ביי דעם געבורט פון זייער קינד דאן געהאט. געבויט א היים, געוועבט א צוקונפט א אידיליע די וועלט פאר זיי געווען און באלד אין צוואנציג מינוטן פון זיי קיין זכר וועט ניט זיין.

that seems to ask, "What are you going to do with me, brother?" Frequently one recognizes an acquaintance. Three prisoners prepare the body of a woman. One probes her pretty mouth with pliers, looking for gold teeth, which, when found, are ripped out together with the flesh. Another cuts the hair, the woman's crown, while the third quickly tears off earrings, often drawing blood in the process. And the rings, which do not come off the fingers easily, must be removed with pliers.

Then she is given to the pulley. Two men throw on the bodies like blocks of wood; when the count reaches seven or eight, a signal is given with a stick and the pulley begins its ascent.

## In the Heart of Hell

On the upper level, by the pulley, stand four men. The two on one side of the pulley drag corpses to the "storeroom"; the other two pull them directly to the ovens, where they are laid in pairs at each mouth. The slaughtered children are heaped in a big stack, they are added, thrown onto the pairs of adults. Each corpse is laid out on an iron "burial" board[8], then the door to the inferno is opened and the board shoved in. The hellish fire, extending its tongues like open arms, snatches the body as though it were a prize. The hair is the first to catch fire. The skin, immersed in flames, catches in a few seconds. Now the arms and legs begin to rise—expanding blood vessels cause this movement of the limbs. The entire body is now burning fiercely; the skin has been consumed and fat drips and hisses in the flames. One can no longer make out a corpse—only a room filled with hellish fire that holds something in its midst. The belly goes. Bowels and entrails are quickly consumed, and within minutes there is no trace of them. The head takes the longest to burn; two little blue flames flicker from the eyeholes—these are the eyes burning with the brain, while from the mouth the tongue also continues to burn. The entire process lasts twenty minutes—and a human being, a world, has been turned to ashes.

We watch, stunned. Two more are laid out. Two people, two worlds, who have occupied a place in the human scheme, who have lived, existed, acted and created. Who have labored for the world and for themselves, laid a brick on the great edifice, woven a thread for the world, for the future—and in only twenty minutes no vestige of them remains.

Two more lie there now; they have been washed thoroughly. Pretty young women—how splendid they must have been! In life they made up two entire worlds—what happiness and joy they brought: their every smile was a comfort, every glance a delight, their every word charmed like heavenly music. Wherever they went they brought joy and gladness with them. Once loved by many, now they wait on the iron board. Soon the mouth will open, and within twenty minutes no trace of them remain.

Now there are three. A child pressed to its mother's breast—what happiness, what joy its birth brought to its parents! They built a home, wove a future, lived in an idyllic world and in twenty minutes no trace of them will remain.

---

8) *Uses the traditional term taare-bret to underline the desecration of their bodies.*

עס פארט די ווינדע ארויף און אראב, זי שלעפט קרבנות אן א צאל. ווי אין א שעכטהויז א גרויסן, ליגן יעצט דארט שטויסן מענשן און ווארטן אויף דער ריי, אז צונעמען זאל מען זיי.

דרייסיג גיהנום'דיגע מיילער, פלאקערן יעצט אין די צוויי גרויסע בנינים און שלינגען איין קרבנות אן א צאל. עס וועט לאנג ניט געדוירן און די פינף טויזנעט מענשן, די פינף טויזענט וועלטן דורך די פלאמען פארציקט וועלן ווערן.

די אויוועגס, זיי פלאקערן ווי שטורמישע כוואלעס, אנגעצונדן דאס פייער איז געווארן שוין פון לאנג דורך די הענד פון די בארבארן און מערדער פון דער וועלט, וועלכע האפן מיט זיין ליכט צו פארטרייבן די פינסטערניש פון זייער גרויזאמער וועלט.

עס ברענט זיך דאס פייער דרייסט און רוהיג, קיינער שטערט עס ניט, קיינער לעשט עס ניט. עס באקומט כסדר קרבנות אן א צאל, ווי ספעציעל געבוירן וואלט צו דעם געווארן דאס אלטע פאלק פון מארטירער.

צו ווּעסטו וועלט די גרויסע פרייע, אמאל דערזען דעם גרויסן פלאם, צו ווּעסטו מענש אמאל פארנאכט, אויף דיין ארט דארט בלייבן שטיין און אויפהייבן דיינע אויגן הויך צו די הימלן, די טיפע בלויע, וועלכע פארצויגן זענען דארט מיט פלאמען — וויסן זאלסטו מענש, דו פרייער, אז דאס איז דאס פייער פון דעם גיהנום, וועלכעס ברענט מיט מענשן אן אויפהער דא. אפשר וועט דיין הארץ אמאל דערווארמען זיך פון זייער פייער, און דיינע הענד, די אייז קאלטע, קומען וועלן דא אמאל און אויסלעשן עס דאס פייער. און אפשר וועט דיין הארץ מיט מוט און דרייסטקייט גאר באפליגעלט ווערן און בייטן (טוישען) ווּעסטו די קרבנות פאר דעם פייער, דעם גיהנום, וועלכער אייביג בלייבן דא זאל ברענען און פארציקט אין זיינע פלאמען זאלן ווערן אט די, וועלכע אנגעצינדען האבן אים.

The pulley moves up and down, lifting bodies without end. As in a giant slaughterhouse, stacks of bodies lie here waiting to be removed.

Thirty hellish mouths blaze now in the two huge buildings and swallow countless bodies. It won't be long before the five thousand people, the five thousand worlds, will have been devoured by the flames.

The ovens blaze furiously, like waves in a storm. This fire was ignited long ago by the barbarians and murderers of the world, who had hoped to drive darkness from their brutal lives with its light.

The fire burns boldly, calmly. Nothing stands in its way, nothing puts it out. Sacrifices arrive regularly, without number, as though this ancient, martyred nation was created specifically for this purpose.

If you who are free should chance to notice this great fire; if some evening you should raise your eyes to the deep, blue sky and see that it is covered by flames, then you will know that this is the same hellfire that burns here endlessly. Perhaps your heart will feel its heat, and your hands, as cold as ice, will extinguish it. Or perhaps, your heart bolstered with courage, you will exchange the present victims of this never-ending inferno for those who first ignited it, that *they* may be consumed by its flames.

March–April 1944